№ 45 Nadzyiest? pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 9 listopada 1934 | ליכט-צינדען 3.39 | פרייטאג פ׳ תולדות ב׳ כסלו תרצ״ה.

Bibljot. Jagiellońska Kraków ... 19

Spółdzielczy Bank Kupiecki

Sp. z ogr. odp.

האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַ נייעם, גרויסן לאָקאַל

ערשטע אַלעע 5, 1=טער שטאָק, פראָנט

נעמט אָן וועקסלען אויף אינקאַסאָ, דיסקאָנטאָ א. ד. גל.
עריעדיגט אַלערליי באַנק=אָפּעראַציעס רעיעל און פּונקטליך.

זעטיגט די הונגעריגע, דערוואָרימט די געפרוירענע!

די שווערע לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג ווערט כסדר אַלץ דראַהענדער און נעמט אָן קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען. מיט יעדען טאָג ווערט גרעסער די אָרמעע פון פּרנסה׳לאָזע, מיט יעדען טאָג פערמעהרט זיך די צאָהל הונגעריגע און נויטליידענדע. נאָך שרעקליכער ווערט די לאַגע פון אָט די מענשען מיט׳ן אָנקומען פון ווינטער, וועלכער זאָל היי-יאָהר — ווי ס׳ווערט פאָראויס-געזאָגט — זיין זעהר א שאַרפער.

מיר טאָרען דעריבער נישט בלייבען גלייכגילטיג צום גורל פון די דאָזיגע אומגליקליכע, וועלכע עס קען אויסקומען צו ליידען אויסער הונגער, אויך פון געפעהרליכע פרעסט; מיר מוזען ראַטעווען אונזערע נויטבעדערפטיגע ברידער פון זייער טראַגישען מצב.

צו דעם צוועק האָבען די היגע זעהר-טעטיגע געזעלשאַפטען: „דאָבראָטשינגאָשטש" און „בית-לחם", לויט׳ן מוסטער פון די פריהערדיגע יאָהרען, געשאַפען א געמיינזאַמע הילפס-אַקציע, כדי צו בעזאָרגען די נצרכים מיט קאַרטאָפעל און קויהלען.

די יעצטיגע אַקציע מוז אבער געפיהרט ווערען אין א גרויסען מאַסשטאַב, ווייל זעהר א סך ברידער אונזערע, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין די פריהערדיגע יאהרען מיט זייערע נדבות, זענען ליידער געצוואונגען היי-יאָהר אַליין אָנצוקומען נאָך הילף, אַליין צו געניסען פון דער פערטיילונג.

קיינער וועט דעריבער נישט יוצא זיין מיט זיין מענשליך געוויסען, אויב ער וועט נישט אָנטקעגען קומען די זאַמלער מיט געהעריגע נדבות און מיט העלפען אַזוי-אָרום כאָטש טיילוויז צו זעטיגען די הונגעריגע, כאָטש אויף א ווייל‍ע צו דערוואָרימען די געפרוירענע.

זאָל יעדער ערפילען זיין חוב לגבי אונזערע אומגליקליכע ברודער!
והי׳ מעשי הצדקה שלום!

נחום אש אבדפ״ק.

אכטונג וויעלון און אומגעגענד!

כ׳האָב דזעם כבוד מיט-צוטיילען, דאס מיין **שנייזער-וואַרשטאַט**
נעמט אָן בעשטעלונגען פון איינפאַכע ביז די עלעגאַנטסטע **דאַמען=פאַלטענס** און **פוטערס** אויף די בעסטע בעדינגונגען. אויך איז מיין **מאַגאַזין** פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואַהל פון אלערארט פערטיגע דאַמען-פאַלטענס. סאָלידסטע אויספיהרונג. ביליגסטע פרייזען.

משה יודקעוויטש, וויעלון
נאַרוטאָוויטשאַ 13, 1-טער שטאָק.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די געעהרטע קונדשאַפט פון וויעלון און אומגעגענד, אַז
מיין מאַנופאַקטור=געשעפט
וועלכעס איז געווארען איבערגעטראָגען אויף
פלאַץ לעגיאָנוב № 9
איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואַהל פון מענער - שטאָפען פון די בעסטע בילי‍צער און טאָמאַשאָווער פירמעס.
רעיעלע בעהאַנדלונג. ביליגסטע פרייזען.

יעקב ראָזענבלום, וויעלון
פלאַץ לעגיאָנוב 9.

אונזער ברודער און שוואָגער **דר. מעד. אָסקאַר טוך** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **פעלאַ פיטעל** אויס לאָדז, ווינשען פיעל גליק און א גליקליכע צוקונפט.
גאָדל טוך און פרוי, הערש טוך און פרוי, וויעלון.

דעם ה׳ **ד״ר אָסקאַר טוך** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **פעלאַ פיטעל** אויס לאָדז, ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
דאס פערסאָנאַל פון פריזיר-אַנשטאַלט
ביי גאָדל טוך אין וויעלון.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינדין **מאַשע שייעוויטש** (וויעלון) מיט ה׳ **מאָניעק הערשליקאָוויטש** (לאָדז) ווינשען מיר א האַרציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.
קאָפעל לייזעראָוויטש, גוטשאַ ליפקאָוויטש,
אליהו איצעק (וויעלון).

פיעל גליק און א האַרציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינדין **יערל שידלאָווסקאַ** צו איהר תנאים מיט ה׳ **יוסף לעדערמאַן.**
זאָל אייער לעבענס-וועג זיין א גליקליכער.
אסתר סטאָפניצער און לייב זעליגמאַן.

צו דער תנאים פון פרל. **באַלטשע מיעדזשינעגורי** מיט ה׳ **יוסף נאָוואַק** אונזער הארצינסטען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
יהודית און יעקל פאַסקע.

ברכות מאליפות ואחולי מלבבים לידידנו מר **רפאל לנדוי** לאירושיו.
יהא רעוא שזווגכם יעלה יפה ושמש ההצלחה תזרח לכם כל ימי חייכם,
ליבל ווקסלר, יעקב פרנדס, ישראל מרקוביץ,
מרדכי גרשון ווילינגר.

Bank Spółdzielczy Przemysłowców i Kupców

z ogr. odpow.
w Częstochowie
PANNY MARJI 22. GMACH WŁASNY.
Przyjmuje wkłady zwykłe i premjowane.
Załatwia wszelkie tranzakcje w zakres bankowości wchodzące.

Farbiarnia, Pralnia Chemiczna „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

מיר נעמען אָן צו וואַשען **קראַגענס** מיט לאַנג-דויערענדען שפיגעל-גלאַנץ, אויך נעמען מיר אָן **כעמיש** צו רייניגען און צו פאַרבען אלעראַרט קליידונג.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס, 2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

הסתדרות „מזרחי" ו„תורה ועבודה" ציינסטוכוב
זונטאָג ד׳ כסלו דעם 11 נאָוועמבער 6 א זייגער אָוונד
קומט פאָר אין דער נייער שוהל
א גרויסע פאָלקס=פערזאַמלונג
געווידמעט דער פראָקלאַמירונג פוג׳ם מפעל למען בנין ארץ ישראל-דתית
מיט דער בעטייליגונג פון מיטגליד פון מזרחי וועלט-צענטראַלע
הרב י. ל. פישמאַן פון ירושלים
און דעם וויצע-פרעזעס פון מזרחי אין פוילען
הרב יצחק ניסענבוים פון ווארשא.
רעליגיעז-נאַציאָנאַלע יודען, קומט מאַסענוויז.

Tańców: modnych, zwykłych

clou sezonu „CARIOCA" salonowa,
wyucza w kompletach, oddzielnie
baletm. K. KOSTECKI,
ul. Waszyngtona 6.
Zapisy na kursy codziennie od 10 rano do 9 wiecz. Opłata niska.
פראַקטישע לעקציע יעדען שבת פאַר יודישע געזעלשאַפט אנהויב 8 אָוונד.
לעצטע מוזיק-שלאַגערס. צוגענגליכער אָפּצאָל.

אכטונג וויעלון!

לויט דער פעראָרדנונג פון מאַגיסטראַט זענען אַלע ווירטשאַפטן פון וויעלון פערפליכטעט ביז דעם 10 ד. ח. צו פערזעהען זיך מיט׳ן
סם צו פערטיליגען די שטשורעס
דער סם איז צו בעקומען אין דער פירמע
Przedsięb. Chemiczne wszelkich wyrobów na owady i gryzonie
Józefa Sznajderowa i A. Gajewski
Wieluń, ul. Sieradzka 40 m. 4.
דער טערמין פון אונטערלייגען איז מאָנטאַג דעם 12 ד. ח.
דער פרייז פון א גאַנצע דאָזע 4 זל., פון א האַלבע—2 זל.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי „BENETA"

בערעק יאָסעלעוויטש № 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפעלושאַרניע)
אונטער דער לייטונג פון אַ׳אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פראַקטיק
ספעציאַליטעט:
1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפעלושען,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפיגעל-גלאַנץ
קאָנקורענץ=פרייזען.

ציוניסטישע ארבייטס=פאַרטיי „התאחדות"

טשענסטאָכאָוו.
מאָרגען, שבת, ד. 10 ד. ח. האַלב 4 נאָכמ. אין לאָקאַל פון האַנדווערקער=פערבאַנד, אַלעע 12 וועט האַלטען א רעפעראַט
ח׳ משה מאזינגער פון קראָקא
א.ד.ט.: דער אויפבוי פון א״י לויט׳ן גייסט פון הפועל הצעיר—התאחדות.
איינגאַנג 49 גראָשען.
מוצאי שבת האַלב 9 אָוונד קומט פאָר א **פגישת חברים** פון די סניפים טשענסטאָכאָוו, קלאָבוצק, וויעלון, וואו עס וועלען ארויסטרעטען מיט רעדעס חברים פון צ. ק.

„SUKNOPOL"

Częstochowa, II-ga Aleja № 28, w podwórzu
עמפפעהלט אויפ׳ן ווינטער-סעזאָן די בעסטע
סחורות
אויף ראַמען - מאַנטלען, הערען-אַנציגער, פאַלטענס
צו די ביליגסטע פרייזען פון די בעסטע בילי‍צער און טאָמאַשאָווער פאַבריקען.
איבערצייגט אייך!

ב״ע **מירל פאַזנאַנסקאַ** פון דערהיים **פיעפושינסקאַ**
איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 62 יאָהר.
די לויה איז פארגעקומען דעם 2-טען נאָוועמבער 1934 י. (כ״ד מרחשון תרצ״ה).
גלייכצייטיג דאַנקען מיר די אַלע, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד
די אין טיפען טרויער פערבליבענע
שוועסטער און פאַמיליע.

דער פוטער=סקלאַד MAURYCY KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. Tel. 22-59.
עמפפעהלט אויפ׳ן לויפענדען סעזאָן
אַלע סאָרטען פוטערס צו קאָנקורענץ-פרייזען.

מיר ערפולען אונזער חוב.

אין א רייהע נומערן פון אונזער צייטונג האבען מיר כסדר אויפמערקזאם געמאכט די יודישע געזעלשאפט אין אונזער שטאדט אויף דער אונטעטיגקייט פון היעגען אנטי-היטלער-קאמיטעט. מיר האבען ארויסגעזאגט די השערה, אז דער דאזיגער קאמיטעט האט זיך ליקווידירט און דעריבער האבען מיר אויפגעפאדערט די יודישע עפענטליכקייט צו בענייען די ארבייט פון באיקאט געגען היטלער-דייטשלאנד.

אויף אונזער רוף האט זיך קיינער נישט אבגערופען. אונזערע ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס האבען וויכטיגערע זאכען צו ערלעדיגען, ווי דארט עפיס א קאמף מיט היטלער'ן און מיר זענען געווען געגליכען צום ווינד אין פעלד, ביז ענדליך דער צענטראלער קאמיטעט פאר דער אנטי-היטלעריסטישער באיקאט-אקציע אין ווארשא האט אנערקענט אונזער גערעכטע טענה און אויף דעם סמך זיך געווענדען צום פארזיצער פון היגען סוחרים - פעראיין ה' מאוריצי נייפעלד, אויפפאדערענדיג איהם אויפצולעבען אדער רעפארמירען די באיקאט-ארבייט אין אונזער שטאדט. גלייכצייטיג ווענדעט זיך די צענטראלע צו אונזער רעדאקציע מיט א בריעף וואו זי דערצעהלט וועגען איהר ווענדונג צום ה' נייפעלד און בעט אונז אויך פון אונזער זייט זיך צו ווענדען צום ה' נייפעלד וועגען דעמזעלבען ענין.

מיר האבען אבגעווארט 2 וואכען, טראכטענדיג, אז היות ווי ה' נייפעלד האט בעקומען די ווענדונג פון דער ווארשאווער צענטראלע, וועט ער געוויס צוזאמען מיט דער פערוואלטונג פון סוחרים-פעראיין עפיס טהון אין דער דאזיגער הינזיכט. היות אבער ווי ביז-יעצט האבען מיר קיין שום קאמוניקאט נישט דערהאלטען, מוזען מיר די זאך עפענטליך בעריהרען און דערפון צוויסען געבען דער עפענטליכקייט.

טשענסטאכאוו איז א גרויסער יודישער האנדעלס-צענטער, און קיין באיקאט-ארבייט געגען היטלער-דייטשלאנד ווערט בכלל נישט געפיהרט. לויט דער אינסטרוקציע פון ווארשאווער צענטראל-קאמיטעט פאר דער אנטי-היטלעריסטישער ווירטשאפטליכער אקציע ווענדען מיר זיך דעריבער עפענטליך צום ה' מאוריצי נויפעלד, אלס דעם פארזיצער פון היגען סוחרים-פעראיין צו בענייען אדער צו רעפארמירען די באיקאט-אקציע געגען היטלער-דייטשלאנד.

מיט דער דאזיגער ווענדונג האלטען מיר אונזער חוב אין דער דאזיגער הינזיכט פאר ערפולט.

ש.

מפעל למען בנין ארץ ישראל דתית.

ס'איז בעקאנט, אז דער מזרחי, אלס א טייל פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, האט געקעמפט, צוזאמען מיט די ציוניסטען, פאר'ן אויפבוי פון א"י אויף געזונטע פאליטישע און עקאנאמישע יסודות, און האט אויסער דעם געקעמפט אויך פאר'ן אויפבוי פון א"י אויף רעליגיעזע יסודות, לויט דער אויפפאסונג פון מזרחיסטישען פראגראם: ארץ ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל.

ליידער איז דאס רעליגיעזע יודענטום, אין איהרע ברייטע מאסען געשטאנען ווייט פון דער א"י-ארבייט און די עליה האט זיך רעקרוטירט כמעט בלויז פון פרייע עלעמענטען. דער רעליגיעזער מצב אין א"י האט געפאדערט פונ'ם מזרחי, אלס די איינציגע רעליגיעזע ארגאניזאציע, וועלכע האט מיטגעמאכט דעם גאנצען פראצעס פונ'ם א"י-אויפבוי, צו שאפען אלע נויטיגע רעליגיעזע און רעליגיעז-נאציאנאלע אנשטאלטען, וועלכע וואכען אויפ'ן פרינציפ: שלא תשתכח תורת ישראל מעם ישראל בא"י.

די מיטלען האט ער ביז איצט געשעפט פון זיינע קרנות „קרן א"י" און „קרן תורה ועבודה", וועלכע האבען עקזיסטירט אין די מזרחיסטישע און תורה ועבודה-רייהען. די לעצטע יאהרען אבער האט זיך די עליה קאלאסאל פערגרעסערט. א דאנק דעם מזרחיסטישען פארשטעהער אין דער פאריגער עקזעקוטיווע איז אויך צוגעקומען דער אזוי-גערופענער מיטעלשטאנד, וועלכער בעשטעהט שוין פון פאמיליען-מענשען, מעהר רעליגיעז - געשטימטע. זעלבסטפערשטענדליך, אז די פערגרעסערטע עליה האט געפאדערט אויך אנ'ענטשפרעכענדע פערגרעסערונג פון די אלע רעליגיעזע און רעליגיעז-נאציאנאלע מוסדות און דאס פאדערט געוועגליך מעהר אקטיוויטעט, מעהר פלייס און הויפטזעכליך גרעסערע געלד-מיטלען. דעריבער האט דער מזרחי, צוזאמען מיט דער תורה-ועבודה-בעוועגונג, בעשלאסען צו פעראייניגען די אויבענדערמאנטע צוויי קרנות א. נ. „מפעל למען בנין ארץ ישראל דתית" און צוציהען צום מפעל די ברייטסטע יודישע מאסען, וועלכע שטרעבען צו א יודיש ארץ ישראל, געבויט אויף תורה-טרייע יסודות.

דער מפעל בעצוועקט צו פערשטארקען דעם וועלט-בעריהמטען מזרחיסטישען שול-וועזען און א"י, וועלכעס נעמט ארום איבער 100 שולען מיט אהן ע"ה, ביי 8000 תלמידים, וואס עס מאכט אויס א דריטעל פון דער גאנצער צאהל תלמידים פון דעם נאציאנאלען שול-וועזען אין א"י, וועלכע בעקומען די העכסטע ערציהונג, געבויט אויף רעליגיעז-נאציאנאלע יסודות. נישט דא איז דער פלאץ צו רעדען וועגען דער הויך פון מזרחיסטישען שול-וועזען אין א"י. עס איז אבער כדאי זיך אבצושטעלען אויף די ביז 25.000 שילער, וועלכע געפונען זיך אין די לינקע שולען פון א"י, וועגען וועלכע ווייצמאן און אוסישקין האבען זיך ארויסגעזאגט אויף די זיצונגען פון א. ק. אין זעהר א שלעכטער פארם, אנרופענדיג זיי מיט'ן נאמען באלשעוויסטישע שולען.

דער מפעל זארגט פאר די רעליגיעזע הצטרכותן, ווי אויסהאלטען רבנים, שוחטים, בויען בתי-תפילות און מקוואות אין אלע קאלאניעס, כדי דער רעליגיעזער יוד זאל נישט דארפען אנטלויפען פון דארף צוליעב מאנגעל אין דעם אלעם.

דער מפעל שטארקט דעם „הפועל המזרחי" אין א"י ארום וועלכען עס קאנצענטרירט זיך די גאנצע רעליגיעזע ארבייטערשאפט אין לאנד, און העלפט זיי בעקומען ארבייט אין שטאדט און אין דארף, ווי אויך צו בעזעצען זיך אויף דער ערד. די שטיצע בעשטעהט פון: ערטיילען הלואות אויף אינוועסטיציעס, אקער-בוי, מאשינען-אינווענטאר, בויען בתי-פועלים, גרינדען קאאפעראטיוועס א. א. וו.

דער מפעל האט פאר זיך די אויפגאבע צו שטיצען דעם מיטעלשטאנד און העלפט איהם איינארדנען זיך אין לאנד ביי האנדעל און מלאכה אין אלע צווייגען פון קליין און גרויס-אינדוסטרי און צו קאלאניזירען זיי אויף דעם באדען פון „מזרחי" און פון קק"ל.

דער מפעל וועט דורך דער פערמיטלונג פון באנק מזרחי העלפען שאפען לייה-קאסעס פאר'ן מיטעלשטאנד, ווי אויך פאר דער רעליגיעזער ארבייטערשאפט.

ווי מען זעהט האט דער מפעל למען בנין ארץ דתית גרויסע היסטארישע אויפגאבען פאר דעם יודישען פאלק און עס איז נישט קיין וואונדער, אז די ברייטע יודישע מאסען אין פוילען האבען זיך ווארים אבגערופען אויף אונזער ערשטען רוף.

קומענדיגען זונטאג, דעם 11 ד. ה. עפענען מיר דעם קאמפיין פאר דעם מפעל און מיר ווילען האפען, אז אויך די טשענסטאכאווער - יודישע בעפעלקערונג וועט געהעריג אבשאצען די גרויסע אויפגאבען פון אונזער פאנד און אויך איהר וועט גערן מיטהעלפען דעם אויפבוי פון א"י בכלל און דעם אויפבוי פון א רעליגיעז א"י בפרט, דורך מאטעריעלער הילף פאר דעם וויכטיגען פאנד.

בברכת בנין א"י דתית
דירעקטאריום פונ'ם מפעל
למען בנין א"י דתית
אין פוילען.

D=Dekalumen

Litera D jest skrótem słowa dekalumen, które określa wydajność świetlną żarówki. Im mniejsza jest ilość watów przy tej samej wydajności świetlnej tym lepszą jest żarówka i tym tańsze wydzielane przez nią światło Osramówki D odznaczają się małym zużyciem prądu przy dużej wydajności świetlnej, dlatego stosujcie pełnowartościowe

OSRAMÓWKI D

z dwuskrętką z drutu krystalicznego które zapewnią Wam tanie światło.

ערשטע אלפויל'ישע קאנפערענץ פון ברית הקנאים.

דעם 11-טען און 12-טען נאוועמבער ד. י. קומט פאר אין ווארשא אין לאקאל פון מפקדה ראשית פון בר"ק אין פוילען די ערשטע ועידת מנהלי בר"ק, אין וועלכער עס נעמען אויך אנטייל מזרח און מערב גאליציען.

די קאנפערענץ איז גערופען געווארען נאך אנדערהאלבען יאהר עקזיסטענץ פון ברית הקנאים אין פוילען, נאכדעם ווי די ברקאישע בעוועגונג האט אנגענומען סטאבילע פארמען פון א סקויטישער ציוניסטישער יוגענד-ארגאניזאציע אין די רייהען פון וועלכער עס געפונען זיך יעצט פיעל טויזענטער מיטגלידער און מיטגלידערינס.

די ועידת מנהלים האט אלס אויפגאבע צו ראציאנאליזירען און קאארדינירען די ווייטערדיגע טעטיגקייט פון פוילישען בר"ק און צו לעזען פיעל אקטועלע און קולטורעלע ערציהערישע און ציוניסטישע פראבלעמען.

דער אדרעס פון דער מפקדה ראשית איז: ווארשא, לעשנא 25 וו. 9.

די אפפערטע איז אנגענומען געווארען...

קליינער פעליעטאן.

מיינס א גוטער חבר איז מיט א יאהר צוריק געווארען ארבייטסלאז, האט ער געזוכט ארבייט און מסתמא נישט געפונען. ער איז דעריבער געווארען פערצווייפעלט און זיך מיאש געווען ווען ס'איז צו ווערען א מענש מיט מענשען גלייך. (א מענש? ס'פערשטעהט זיך, אז טאמער האט ער נישט געקענט פערבעטען זיינע בעקאנטע מיידלעך אין צוקערניע, אדער זיך נישט געקאנט קליידען לויט דער לעצטער מאדע, האבען איהם די גוטע פריינד פון זיין קרייז נישט געהאלטען פאר קיין מענש...) איז ער געקומען צו מיר בעטען אנ'עצה — דו ביזט דאך א צייטונגס-מענש — טענה'ט ער — צו אייך אין רעדאקציע קומען דאך פערשידענע מענשען, אפשר וועט זיך ביי עמיצען געפונען פאר מיר עפיס א בעשעפטיגונג. טהו א טובה, גוטער ברודער, דו זעהסט דאך, איך בין א געזונדטער מאנספערשוין און מען זאגט, אז נישט קיין מיאוס'ער. צי מוז איך שוין — זאגט ער — טאקי אויסגעהן לתרבות רעות? עס איז מיר טאקי געווען א רחמנות אויף איהם, אבער וואס האב איך איהם געקאנט העלפען, אז קיין פאסטענס וואלגערן זיך נישט היינט אין גאס, נאר פאר יוצא וועגען האב איך איהם אויפגעגעבען א צעטיל פון א רייה פאבריקאנטען און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וואו ער זאל זיך ווענדען נאך א בעשעפטיגונג. גלייכצייטיג האב איך איהם צוגעזאגט צו געבען אנ'אנאנס אין דער צייטונג מיט פאלגענדען אינהאלט:

„א הויכער, שלאנקער, געזונטער יונגערמאן זוכט א בעשעפטיגונג ביי וואס פאר אנ'ארבייט ס'זאל נישט זיין. מיינע ארבייטס-געבער וועלען פון מיר העכסט צופרידען זיין. ערקינדיגען זיך אין דער ווארשאווער גאס..."

פון דאמאלס אן האב איך מיין חבר א לאנגע צייט נישט געזעהען און שיעור נישט פערגעסען, אז אזעלכער עקזיסטירט איבערהויפט... יענע וואך האב איך איהם צופעליג בעגעגענט, אבער שוין נישט דער אייגענער וואס אמאל. אנגעטהון איז ער עלעגאנט, אויך די באקען זענען פול און גלאנצען, כאטש אין זיינע אויגען זעהט מען א מעלאנכאלישען אומעט. — וואס מאכסטו פושיאטשעלו? — האב איך זיך מיט איהם דערפרעהט — ווי כ'זעה ביזטו בעגליקט געווארען; צי האסטו געוואונען אויף דער לאטעריע, אדער אפשר איז דיר געשטארבען א רייכע מוהמע און דיר איבערגעלאזט א ירושה? — נישט דאס און נישט יענץ — ענטפערט ער מיר מיט א געדריקטער שטימונג — איך בין טאקי געהאלפען געווארען נאר אויף א מאדנעם אופן; קום זאלען מיר זיך אוועקזעצען און איך וועל דיר דערצעהלען בפרטיות, וואס מיט מיר האט פאסירט און ווי אזוי איך בין, ווי דו זאגסט, געהאלפען געווארען...

— ווי דו געדענקסט האסטו מיר געגעבען א צעטיל פון א רייה יודישע פאבריקאנטען און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, נו, האב איך גענומען די פיס אין געגאנגען.

קודם כל האב איך געמאכט א בעזוך אין די קאנטארען פון די יודישע פאבריקען, געבעטען זיך אויף שווארצע ארבייט, נאר אומעטום האט מען מיר אבגעזאגט מיט דעם איינציגען מאטיוו, אז מיין פאטער האט מיך צו אכט טעג אומגליקליך געמאכט... ווען איך וואלט נישט געווען קיין יוד — מעגליך, נאר היות ווי... קאנען זיי מיין ארבייט נישט אננעמען.

בין איך אוועק—דערצעהלט ער ווייטער—אין די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס:

קומענדיג אין דער קהלה-קאנצלאריע, האט מיך חונטשע אנגעמאסטען פון קאפ ביז די פיס. וואס ווילט איהר —פרעגט מיך חונטשע מיט כעס—איך דארף צום פרעזעס—האב איך געענטפערט. וואס, צום פרעזעס? צוערשט מוזט איהר מיר דערצעהלען וועגען וואס ס'האנדעלט זיך און אויב כ'וועל אנערקענען, אז דאס געהער צום פרעזעס, וועל איך אייך אריינלאזען. נו, געה דערצעהל חונטשע'ן — ציהט ווייטער טרויעריג מיין פריינד—אז איך וויל א פאסטען אין דער קהלה?! דאכט זיך מיר, אז כ'וואלט פערשפארט אראבצוגעהן פון די טרעפ... איבריגענס, האב איך באלד רעזיגנירט פון צו בעקומען א פאסטען אין דער קהלה, ווייל ווי פעהיג כ'זאל נישט זיין, וועל איך חונטשע'ן בשום אופן נישט קאנען פערטרעטען...

אין דער ארטאדאקסישער באנק האט מען מיך ווידער געפרעגט צי כ'לערן דעם דף-יומי און געפאדערט פון מיר, אז כ'זאל אנטהון א יודיש היטעלע און זיך פערלאזען בארד און פיאות.

אין „בית לחם" האט מיר דער סעקרעטאר ערקלערט, אז זיי וואלטען געדארפט נויטיג אנ'איינקאסענט, נאר ער איז מסופק, צי איך וועל אימשטאנד זיין צו ווערבירען כאטש צעהן פערזאן, וואס זאלען וועלען צאהלען חודש-בייטראג.

אין „תומכי עניים" האב איך פארגעלעגט מיין מיטהילף ארומצוגעהן שבת מיט א קויש אויף די הויפען, טראכטענדיג אבצולעקען דערביי א בייגדיל, דער נייער פרעזעס אבער האט מיר ערקלערט קאטעגאריש, אז די זאמלער טארען בשום אופן נישט געניסען פון די חלקים.

אין יודישען שפיטאל האב איך פארגעלעגט צו ווערען א וואזשנע, נאר דאס קוראטאריום האט מיך אויסגעלאכט. מילא—האבען זיי געזאגט—ווען דו וואלסט געווען א גוי, מיט א שטרענג פנים, וואלט נאך געקאנט זיין א רייד. זענט איהר דאך אבער א יוד טויג עס נישט; צו אונזערע יודעלעך מוז מען האבען א גוי — שרייט מיר נאך דער קוראטאר.

בין איך אוועק אין חברה-קדישא. דא, האב איך געטראכט, פעהלט דאך שוין נישט קיין ארבייט און קיין נישט-יודען בענוצט מען דאך אויך נישט צו די מתים, נאר אויך דא איז מיין אפערטע נישט אנגענומען געווארען, מחמת דעם, וואס זיי האבען אויסגעפונען, אז איך האב א צו-ווייך הארץ און בעזיץ נישט די נויטיגע קוואליפיקאציעס...

כ'האב נאך געוואלט מאכען א בעזוך אין אנטי-היטלער-קאמיטעט, אבער איך האב זיי געזוכט עטליכע וואכען כסדר און בשום אופן נישט געקאנט געפונען זייער אדרעס...

אזוי האב איך ארומגעוואנדערט אין אלע אינסטיטוציעס און אומעטום פארגעלעגט מיין אפערטע, נאר רעד צו דער וואנד. כ'האב פשוט געמיינט, אז כ'וועל אויסגעהן אין גאס פאר הונגער.

פלוצים אבער, איינמאל, ווען כ'קום נאך א לאנגען טאג ארומשלעפען זיך אהיים א מיעדער, א הונגעריגער, געפון איך א בריעף מיט פאלגענדען אינהאלט: „זעהר ג. ה. כ'האב געלעזען אייער אנאנס אין דער צייטונג און אויב די אנגעגעבענע סימנים שטימען מיט דער ווירקליכקייט, זאלט איהר זיך ווענדען אויף אלעע קאשטשושקי נומער... צו מאדאם ד."

ס' פערשטעהט זיך, אז איך בין געלאפען ווי צום טאנץ און אט אויף דער דאזיגער גאס איז ענדליך מיין אפערטע אנגענומען געווארען און איך האב גאט צו דאנקען צו עסען און זיך שעהן צו קליידען.

— וואס פאר א בעשעפטיגונג האסטו דארט בעקומען—פרעג איך איהם נייגעריג. מיין חבר לאזט אראב דעם קאפ און שוויגט עטליכע מינוט. דאן שפריגנט ער אויף און מיט א פנים רויט פון כעס און מיט טרעהרען אין די אויגען שרייט ער אויס: איך האב חתונה געהאט מיט דער רייכער אלמנה ד., וואס פאר א ברירה האב איך געהאט, אז אין ערגיץ בין איך נישט געווען נויטיג. און דא—צוווייגט ער זיך ווי א קינד—בין איך דאך כאטש פערזיכערט מיט עסען און קליידען און דערצו א פאר גילדען אין טאש און מיט דער צייט וועל איך פיהרען איהרע געשעפטען און ווערען א מענש מיט לייטען גלייך. כ'האב קיין אנדערע ברירה נישט געהאט—וויל ער זיך פאר מיר פערענטפערן—איך האב געמוזט מסכים זיין, אומעטום האב איך פארגעלעגט מיין אפערטע און דא איז געווען דאס איינציגע ארט, וואו מיין אפערטע איז אנגענומען געווארען...

סמאל

א. ווייס

צו דער ניי-געשאפענער לאגע אין דער האנדווערקער-בעוועגונג. *)

לעצטענס ווערט געקלינגען אין אלע גלאקען: פלשתים עליכם, האנדווערקער. דייגע פיהרער פעררעטען דיך! מען מאהלט פאנטאזיעס, מען שאפט פלענער. אלע צייטונגען ווידמען פלאם-פייערדיגע ארטיקלען וועגען די ארימע האנדווערקער און אלע ווילען, לויט זייער שטייגער בעווייזען, אז זיי און נאר זיי זענען די אמת'ע גוטע פריינד פון די האנדווערקער-מאסען.

ווען מיר זאלען זיך אבער ארומקוקען מיט קלארע אויגען, וואס עס טהוט זיך ארום אונז, וועלען מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אז די אלע בעלי-טובות זענען נישט אזוי פויגעלדיג, ווי זיי שטעלען זיך פאר אין דער ווירקליכקייט. קודם-כל ווילט זיך פרעגען: וואו זענען די איצטיגע פערטיידיגער געוועזן ביז היינט? פארוואס האבען די נאר-וואס געשאפענע קאמיטעטען צו לעגאליזירען די יודישע מלאכה זיך נישט גענומען צו דערזעלבער טעטיגקייט מיט עטליכע יאהר צוריק, אדער בעסער געזאגט — נאך נעשטערט די האנדווערקער-ארגאניזאציע ביים ארגאניזירען די אקציע פון לעגאליזירען די יודישע ווארשטאטען דאמאלס, ווען עס איז געווען די פאסיגע צייט. דאמאלס אבער האט מען אונז פארגעווארפען, אז מיר האבען זיך אנגעכאפט אין א פערעלטערטע געזעץ, וואס פאסט זיך נישט צו דער היינטיגער צייט. די „פאלקסצייטונג" ווידער איז געקומען מיט א בשורה, אז כאלופניקעס זענען פטור פון צו בעזיצען א האנדווערקער-קארטע. די פראווינצער קליינהענדלער-ארגאניזאציעס, וועלכע האבען געוואלט פיהרען א קאמף מיט דער האנדווערקער-ארגאניזאציע, האבען ווייטער ארויסגעגעבען ספעציעלע צייטונגען, איינגעארדענט מיטינגען און געמאלדען וועגען א נייער בשורה, אז דער אדער יענער סיים-דעפוטאט האט געזאגט, דאס מען דארף נישט האבען קיין שום האנדווערקער-קארטען. די האנדווערקער-ארגאניזאציעס זענען אבער נישט איבערראשט געווארען פון דעם אלעם, נאר האבען פארטגעזעצט זייער אונערמידליכע ארבייט אויפ'ן געביעט פון לעגאליזירען די האנדווערקער-ווארשטאטען. ווען די האנדווערקער-מאסען האבען דאן געדארפט האבען געלד איינצוצאהלען, כדי צו בעקומען דיפלאמען און זיי האבען זיך געוואנדען צו די יעניגע, וועלכע שטעהן איצט אין דער שפיץ פון קאמיטעט, אנמאכענדיג אזא געפילדער, אז זיי ראטעווען די יודישע מלאכה — דאס זיי זאלען אויסבארגען די האנדווערקער, וועלכע געפונען זיך אין א געדריקטען מצב, אביסעל געלד, זענען זיי, די יעצטיגע קאמיטעט-לייט, דאמאלס געווען טויב און האבען נישט געוואלט הערען וועגען דער דראהענדער געפאהר. נאר יעצט, נאך 8 יאהר, ווען מיט יעדען טאג קומען אן אלץ ערגערע צייטען פאר דער ענטוויקלונג פון די יודישע האנדווערקער, ווען יעדער אייגער ראנגעלט זיך מיט כל הכהות, כדי צו דערהאלטען זיין מינימום-עקזיסטענץ, קומט מען און מען שרייט, אז די האנדווערקער ווילען זיך איינצוימען אין א ספעציעלער קאסטע, אז זיי אינטערעסירען זיך נישט מיט דער יוגענד, מיט'ן נייעם דור!

בכלל איז לייכט יענעם ארייננצוזאגען און צו קריטיקירען. עס וואלט אבער נישט געשאדט, אז די אלע הערן זאלען ארייננקוקען און אנערקענען די אייגענע פעהלערן. אייגענטליך פארוואס ווארפט מען גארנישט פאר אונזערע גרויסע אינדוסטריעלער, וועלכע האבען געשלאסען זייערע פאבריקען פאר יודישע ארבייטער. וואלטען זיי דאס נישט געטהון, וואלט מען דאך נישט געדארפט דוקא ווערען א שוסטער אדער א שניידער, נאר טאקי אנ'ארבייטער פון דער גרויסער אינדוסטריע.

אנשטאט אליין צו קומען צו הילף דעם יודישען בעל מלאכה, כדי געזונד צו מאכען זיינע יסודות, קומט מען און מען פיהרט אויס יעדע ארט פאליטיק אויף אונזערע פלייצעס און מען הילט עס איין אין א מאנטעל, אז מ'געהט זיך אננעמען אונזער קריוודע.

די דאזיגע הערען טראכטען, אז מיר זעהען נישט, וואס עס טהוט זיך ארום אונז. ניין, מייגע הערן, מיר מוזען אייך זאגען, דאס מיר פערשטעהן שוין היינט צו גוט, אז אלץ וואס איהר ווילט אונז טהון, זענט איהר נישט אויסען אונזער טובה און אויב ס'טרעפען זיך שוין יא אזעלכע, וועלכע מיינען אפשר די טובה פון האנדווערקער, ווערען זיי ביי אייך פערבלענדעט און מיטגעשלעפט מיט די, וועלכע ווילען אויף אונז רייטען, נאר אזוי ווי מיר קענען דאס נישט דערלאזען, זוכט מען אויס פערשידענע בלבולים, כדי אונז צו קאמפראמיטירען.

עס האט פערדראסען די פאלקיסטען, הלמאי זיי האבען געשאפען א „ליימעמענעם גולם" (לויט זייער בעגריף), מיט וועלכען זיי האבען געטראכט צו טהון אלעס, וואס ס'וואלט געווען פאר זיי נוצליך און ווען זיי יעהען, אז דער „גולם" האט אין זיך ארייננבעקומען א נשמה און לאזט זיך נישט פיהרען בלינד, וויל מען איהם צוריק צושמעטערן. איבערהויפט איצט, ווען אויך אנדערע פארטייען ווילען זיך אנוואריימען אין דער האנדווערקער-בעוועגונג, מוז מען נעמען נקמה, זוכט מען און מען געפונט, נאר אזוי ווי מען קען זיך נישט נעמען צו דער גאנצער בעוועגונג, וויל מען ארייננפיהרען א סומאטאכע צווישען די פיהרער און אויב די פיהרער וועלען זיך צווישען זיך ארומרייסען, וועט מען זיך שוין אויך פריהער אדער שפעטער מיט די מאסען אנ'עצה געבען.

ווילט זיך דעריבער טאקי פרעגען די פאליטיקאנער פון די פאלקיטטען: וואו זענט איהר געוועזן ביז היינט? עס איז א סברא, אז ווען חיים ראסנער האט געפאלגט בלינד אלע אייערע בעפעהלען, איז געוועזן אלדאס גוטס, נאר אזוי ווי מען האט זיך מיט אייך צעווערטעלט און ער האט אויפגעהערט צו זיין אונטערטעניג, האט איהר איהם אנגעהויבען צו קאמפראמיטירען, כאטש איך ערקלער אפען, אז איך וויל זיך נישט אננעמען די קריוודע פון ה' ראסנער, ווארום סוף-כל-סוף וועט דאך מוזען קומען אנ'אויפקלערונג צום ענין ראסנער. זאגען מוזען מיר אבער אייך, אז איהר האט נישט געשאסען אויפ'ן ריכטיגען וועג און עס וועט אפילו נישט העלפען, וואס דאס פראוויזאריום, וועלכעס האט די אויפגאבע צייטווייליג צו ערלעדיגען אלע האנדווערקער-ענינים ביז'ן קאנגרעס, בעשטעהט פון א מעהרהייט פאלקיסטען. מיר וועלען זיך בשום אופן נישט לאזען אויסנוצען פאר קיין שום פארטיי-מאכינאציעס. מיר וועלען נאכפאלגען יעדען שריט, וואס איהר וועט טהון, ווייל ווען אנ'אונזעריגער מאכט א פעהלער, האט ער דעם פעהלער נישט געמאכט בכונה נאר פאר אייך, מייגע הערן, האבען מיר מורא, אז איהר וועט אונז שוין איינמאל בעגליקען, אויף וועלכען מיר ריכטען זיך.

*) מיר גיבען דאס ארטיקעל פון האנדווערקער-טהוער ה' א. ווייס, כאטש מיר זענען מיט מאנכע זיינע אויספיהרונגען נישט מספים.

די רעד.

מ. בורשטין.

א נייער פאקטאר אין יודישען לעבען.

טוריסטיק פאר יודען?

עס קלינגט ניי און פרעמד, וועלכער יוד איז דען נישט קיין טוריסט? אונזערע עמיגראנטען מאכען וואונדערבארע רייזעס איבער די ווייטסטע לענדער און ים'ען. יודישע קאמיוואיאזשארען מעסטען אויס די פערווארפענסטע מקומות, מיט יודיש קאן מען ארומרייזען א וועלט. און דער עולם האט טאקי געררייזט. לעצטענס אבער האט זיך די ארט „טוריסטיק" ביי יודען אבגעשטעלט. מען האט זי אבגעשטעלט.

מיר האבען כמעט אויפגעהערט צו וואנדערן און זענען געווארען פעסטע, איינגעזעסענע בירגער, וואס עלטערן זיך אין נחת און פרייד צווישען ענגע מויערן און דושנע הויפען.

*

מיר זענען א שטאדטישער עלעמענט. היסטארישע און עקאנאמישע פאקטארען האבען אונז אבגעריסען פון דער נאטור און איינגעשלאסען אין בעזונדערע קווארטאלען. שטענדיג זענען דאס געווען נישט פאסיגע פלעצער. נישט געזונטע, פערווארלאזטע ערטער האט מען אבגעגעבען פאר די געטא'ס, דאס זבוריות פון די שטעדט. דאס איז געבליבען נישט אהן איינפלוס אויף אונזער פסיכיק, אויף אונזער נאציאנאלער און סאציאלער פיזיאנאמיע. פיזישע דעגענעראציע און גייסטיגע פערקריפלונג פון איין זייט. מיר זענען א פאראיבערגעהענדע ערשיינונג—האט מען געזאגט—אט-אט און מיר געהען אונטער, האבען שונאים זיך געפרעהט. און פון אינעווייניג האט מען טיילוויז צוגעשטימט צו דעם אונפערמיידליכען אזוי צו זאגען נאטור-געזעץ...

פון דער צווייטער זייט גרויסער שוואונג, געניאלע יחידים, שאפונג פון עטישע און וויסענשאפטליכע ווערטען. אבער אויך דאס פאזיטיווע האט איהרע ספעציפישע יודישע אייגענשאפטען. מיר האבען ארויסגעגעבען איינשטיינס און פרוידס. זעהר ווייניג אבער פון אונז ווייטען ווי אזוי צו בעצייכענען א געוויקס, אנצורופען מיט דעם ריכטיגען נאמען א בלום. בעריהמטע מאטעמאטיקער, פיזיקער, סאציאלאגען, אבער נישט קיין באטאניקער, נישט קיין געאגראפען פון דער זעלבער קוואליטעט. די אבגעריסענקייט פון דער ערד, אין משך פון דורות, האט אין א גרויסער מאס אבגעטעמפט אונזערע פעהיגקייטען צו אבסערווירען, צו קוקען מיט אפענע אויגען אויף די ארומיגע נאטור און זייענדיג איינגאנצען ארייגגעטהון אין אינערליכער קאנטעמפלאציע, אין דענקען און אנאליזירען האבען מיר אין דער זעלבער פראפארציע פערלוירען דעם חוש פאר אויסערליכקייט, פאר פארם. עס לאזט זיך מערקען אפילו אין דער ליטעראטור. זי איז מיסטיש, פובליציסטיש, שלאג-פערטיג. אין דער פלאסטיק אבער שטארק הינטערשטעליג.

א פראדוקט פון א געקינצעלטען לעבענס-שטייגער.

*

אז דאס איינזייטיגע שטאדטישע לעבען אונזערס טראגט אין זיך געפאהרען, בעווייזט אמבולט'סטען דער צוזאמענברוך פון אונזער עקאנאמיק. די ספעציפישע ווירטשאפט אונזערע, וואס בעגרעניצט זיך בלויז אויף דער שטאדט איז נישט פון ווייטער מעטע. ביי געענדערטע בעדינגונגען, ביי נייע געזעלשאפטליכע שטרעמונגען... בלייבען מיר הענגען אין דער לופטען. אין בעסטען פאל אנגעוויזען אויף חסד פון די, וואס האבען צו זאגען און געביטען ביי דער נייער קאניונקטור.

איז דערום פערשטענדליך—וואס מיר ווערען פערהילכט פון אלארם-געשרייען: פראדוקטיוויזאציע, צוריק צו דער ערד.

עס בלייבען אבער אין גרעסטען טייל גישט מעהר ווי פראזען, הוילע ווערטער. מיר פראדוקטיוויזירען זיך אין זעהר א שוואכען טעמפא און דער מהלך צוריק צו דער ערד איז אויף א האר נישט קלענער געווארען.

וואו ליגט די סיבה פון דער אומבעהאלפענקייט?

די לאזונגען וועגען פיזישער רעגענעראציע, וועגען עסטעטיק ביי יודען הערען זיך שוין צעהנדליגגער יאהר. זיי פאלען זיך צונויף מיט דער השכלה-בעוועגונג און פונאנדערבליה פון דער העבראישער ליטעראטור. ראמאנטיקער, ווי מאפו און מיכל, ראציאנאליסטען, ווי רבי יצחק בער לעווינזאן זענען געווען די פארגענגער. די אייגענטליכע שטרעבונג איז געווען איבערצובויען די יסודות פון יודישען לעבען און דאס פראבלעם איבער אלע פראבלעמען איז געווארען: ערד.

(סוף קומט).

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אונזערע טשענסטאכאווער אין ווארשא.

כ'זאג אייך, רבותי, אז מיט אונזערע טשענסטאכאווער געזעלשאפטליכע טהוער האבען מיר זיך נישט צו שעהמען אפילו אין — ווארשא. פאהרען זיי דארט אריין אויף א קאנפערענץ אדער „זיאזד", זעהט מען זיי אן און מען רעכענט זיך מיט זיי.

ווי איהר ווייסט, זענען די פערגאנגענע וואך פארגעקומען אין ווארשא צוזאמענפאהרען, אין וועלכע אונזערע טשענסטאכאווער האבען גענומען אנ'אקטיווען אנטייל און די צייטונגען האבען וועגען זיי געשריבען. אבער נישט דאס איז נאך אלץ, איך וויל טאקי דערצעהלען וועגען דעם, וואס די צייטונגען האבען גישט געשריבען.

קודם כל וויל איך אייך פארשטעלען אונזער באנק-דירעקטאר ה' סטאניסלאוו פרושיצקי, וועלכער איז ביי אונז אין שטאדט דער פראפעסיאנעלער פארזיצער פון אלע געזעלשאפטליכע פערזאמלונגען, איז אט דער ר' פרושיצקי אויך אין ווארשא בעת דעם קאאפעראטיוון צוזאמענפאהר, וואו ס'זענען זיך צונויפגעפאהרען דעלעגאטען פון ארבע פנות הפוילען, אויך געקרוינט געווארען אלע פארזיצער, ד. ה. ער האט אנגעפיהרט מיט דעם צוזאמענפאהר. אמת, ס'איז דערביי ארויסגעקומען א שטיקעל סכסוך, ווארום אונזער פרושיצקי, כאטש ער לייענט און רעדט שוין נישט שלעכט קיין יודיש, איז ער דאך אבער א טשענסטאכאווער, האט ער מסתמא נעפיהרט די פערזאמלונג אזוי ווי ער איז דאס היע געוואוינט — אין דער פוילישער שפראך. זענען אבער אויף דער קאנפערענץ אויך געווען דעלעגאטען פון ביאליסטאק, ווילנא א. א., וועלכע פערשטעהן גארנישט אז א יודישע פערזאמלונג זאל נישט געפיהרט ווערען אין יודיש, האבען זיי געמאכט א שטיקעל אבסטרוקציע און געליא־עמט: „יודיש, יודיש"! אונזער סטאניסלאוו איז אבער נישט פון די צוויי פאר א גראשען און האט זיך נישט געלאזט פון זיי, אפענטפערענדיג זיי דוקא אויף יודיש, אז ביי זיין בעסטען ווילען, קאן ער נישט פיהרען קיין פערזאמלונג אויף יודיש, כאטש לעצטענס לעזט ער א יודישע צייטונג, נאטירליך די „טשענסטאכאווער צייטונג" און רעדט (מיט מיר) אויך יודיש, נאר א פערזאמלונג פיהרען, מוז ער אזוי ווי מען פיהרט זיך אין זיין שטאדט—אויף פויליש...

סיי-ווי האט מען גערעדט פון דעם טשענסטאכאווער דירעקטאר פון א יודישער באנק, וואס קען רעדען יודיש, נאר פיהרען א פערזאמלונג קען ער בלויז אויף פויליש.

נאר נישט דאס בין איך אויסען. איך האב אייך נור געוואלט דערצעהלען, אז אפילו אין ווארשא, וואו עס קומט זיך צוזאמען גאנץ פוילען, פיהרט מיט אלעם אן א טשענסטאכאווער.

די זעלבע וואך איז אויך פארגעקומען די היסטארישע זיצונג פון צ. ק. פון האנדווערקער-פערבאנד און אויך דארט זענען זיך צוזאמענגעקומען האנדווערקער-פארשטעהער פון גאנץ פוילען. אויך דארט האט אונזער א בן-עיר מיט זיין אנוועזענהייט בעוויזען, אז מיר פערמאגען מענשען, וואס קאנען פון זיך לאזען הערען; איך האב רא אין זינען אונזער חבר ר' שמואל קאץ.

דער זאל איז אנגעפולט מיט פולווער. איינער נאכ'ן אנדערען רעדען וועגען דעם געשעהעניש, מען קריטיקירט ראסנער'ן און מען פערטיידיגט איהם.

דאן נעמט דאס ווארט חבר קאץ פון טשענסטאכאוו און דער גרויסער מישמאש ווערט פערשוואונדען. ער לענקט די גאנצע דיסקוסיע אויף א ריכטיגע ליניע און דער געוואלדיגער כאאס, וואס האט געהערשט ביז דאמאלס, איז צורינען געווארען.

נאך דער רעדע פון ה' ק. הער איך ווי די דעלעגאטען מורמלען צווישען זיך: אט דאס הייסט גערעדט, אט אזוי דארף מען אוועקשטעלען די פראגע.

בין איך שטאלץ מיט מיינע טשענסטאכאווער דערפאר, וואס מיט זייער אנוועזענהייט בעווייזען זיי, אז מען רעכענט זיך מיט זיי אפילו אין ווארשא.

מי שנדר...

פערהאן ביי אונז אין שטאדט א „בית יעקב" שולע, וואו מען לערנט נישט בלויז תורה מיט יודישע טעכטער, נאר ס'דאווענען דארט און מען לערנט אויך מיט עלטערע יודען.

וועגען דעם, וואס מען לערנט דארט, האב איך שוין געשריבען. איצט וועל איך עפיס שרייבען וועגען דעם דאווענען און נישט אזוי פון די מתפללים, נאר פון זייער גבאי המכונה ר' אנשיל.

דער דאזיגער גבאי איז זעהר א שטרענגער און טרייער געגעראל פון זיין מנין. טאמער האט עמיצער אנ'עליה וואלט ער געוואלט, אז יענער זאל וואס מעהר מנדר זיין; און טאמער האט יענער נישט קיין חשק, גיט ר' אנשיל א ווינק צום בעל-קורא, וועלכער פערשטעהט שוין ברמיזא און איידער דער בעל-העליה אריענטירט זיך, זינגט שוין דער בעל-קורא אויס דעם „מי שברך" און ביים „מי שנדר" בייגט ער צו דאס אויער צו יענעם'ס ליפען, אזוי, אז בעל כרחך פאלט ארויס דאס ווארט: א האלבע זלאטע. טאמער האט יענער מנדר געוועזן, וועט ער שוין בעצאהלען, ווייל ר' אנשיל גבאי וועט שוין דאס אבהיטען, ווי ס'שווארץ-אפעל פון אויג; אונזער גבאי זיצט שוין ביים שלוש-סעודות אונגעדולדיג, ער קען זיך שוין נישט דערווארטען ביז מען וועט הבדלה מאכען און באלד מוצאי שבת מאכט ער א בעזוך ביים מי שנדר'ניק און שלעפט ארויס פון איהם דעם נדר.

וועגען די דאזיגע נדרים-אינקאסע פון ר' אנשיל ק. דערצעהלט מען גאנצע מעשיות. אט למשל, שמועסט מען, אז ווען דער, וואס איז מנדר וויל אבשלעפען מיט'ן בעצאהלען, שעהמט זיך נישט ר' אנשיל צוגעהן צום שופלאד און ארויסנעמען דעם נדר, זאגענדיג, תיכף א גוטען טאג... אט אזא מזיק איז דער גבאי פון „בית יעקב" מנין און אויב דאס איז אייך נאך ווייניג, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה שהיה, וואס האט פאסירט ערשט יענע וואך אין דעם אויבענדערמאנטען מנין:

געקומען צו פאהרען קיין טשענסטאכאוו א יוד, א געוויסער ה' —וויטש פון מאנדזשעוו, וועלכער איז געווען א מתפלל פון „בית יעקב". ווי געוועהנליך, האט מען איהם מכבד געווען מיט אנ'עליה און ר' אנשיל גבאי האט שוין געזארגט דערפאר, אז יענעם זאל מען מאכען א דאפעלטען מי שברך, כדי ער זאל מוזען נאך מנדר זיין. באלד שבת צו נאכטס כצאת הכוכבים, איז ר' אנשיל שוין דא און פאדערט זיך דעם נדר. יענער אבער, זייענדיג בייז אויפ'ן גבאי, וואס ער האט איהם ארייננגעטריבען אין אנ'איבריגען נדר האט זיך געוואלט נוקם זיין און ערקלערט, אז אזוי ווי ער האט גראד נישט קיין קליינגעלד און פערבלייבט נאך אין טשענסטאכאוו עטליכע טעג, וועט ער איהם מארגען בעצאהלען. ווען דער גבאי איז אבער צומארגענס געקומען נאכ'ן נדר, האט ער זיך דערוואוסט, אז והילד איננו, אז דער בעל-מנדר'ניק איז שוין איבער בערג און טהאלען. אונזער ר' אנשיל שרעקט זיך אבער נישט אב פאר אזא מעשה, האט ער אוועקגעשריבען דריי קארטלעך: איינס צום מאנדזשעווער רב, אז פלוני בן פלוני איז געווען אין טשענסטאכאוו מנדר געוועזן און גישט בעצאהלט. א צווייט קארטעל צום ווייב און איהר אויפגעקלערט, דאס איהר מאן בעט אויף איהר טויט, ווייל אויב מען בעצאהלט נישט קיין נדר, שטארבט דאס ווייב. לכן זאל זי וויסען, אז אזוי ווי איהר דראהט דער טויט, זאל זי מאכען דעם מאן דעם טויט, ער זאל בעצאהלען דעם נדר; א דריט קארטעל צו דער מאנדזשעווער הברה קדישא, דאס דער פערשוין האט מנדר געווען און נישט בעצאהלט און אחרי מאה ועשרים שנה זאל זי וויסען, וואס מיט

משה אַש.

די ערשטע חדרים, ישיבות און מלמדים אין טשענסטאָכאָוו.

— 1. —

די טשענסטאכאווער קהלה האט אין יאהר 1830 געצעהלט אַנ'ערך 150 משפחות. דער איינציגער „קולטור-טרעגער" פאַר די היגע יודישע קינדער איז געוועזען דער שוחט שני ר' וואָלף טויב, וועלכער האט פערנומען דריי אַמטען: שוחט שני, מלמד, ווי אויך שמש-שני. דאס חדר איז געווען איינגעטיילט אין דריי כתות: דרדקי, עברי און חומש-רש"י. אַלע דריי כתות האבען זיך געפונען אין איין שטוב, וואס האט גלייכצייטיג געדיגט אַלס וואוינונג פאַר'ן מלמד.

אין יאהר 1832 האט אונזער קהלה געליטען גרויסע קרבנות צוליעב דער מגפה, וואס האט דאמאלס געהערשט אויף דער וועלט און אויך נישט אויסגעמיטען טשענסטאָכאָוו. נאָכדעם ווי די מגפה האט אויפגעהערט, זענען געבליבען אַ גרעסערע צאהל יתומים אָהן אויפזיכט און שוץ. דעריבער זענען זיך ר"ח טבת תקצ"ב (1832) צוזאַמענגעקומען די היגע חשיבי העיר און געגרינדעט אַ תלמוד-תורה פאַר יתומים.

אַלס מלמד אין דער דאָזיגער תלמוד תורה איז פעסטימט געוואָרען אַ היגער קעסט-אייד'עם אהרן איסר, וועלכער האט געהאַט די פליכט צו לערנען מיט די יתומים דרדקי און דאס וויכטיגסטע — קדיש-זאָגען נאך זייערע פערשטאָרבענע עלטערן. דערפאַר האט ער בעקומען 150 גילדען אַ זמן. דער מלמד האט אויך בעקומען אַלס געהילף אַ בעלפער, וועלכער זאל האבען די השגחה איבער די קינדער, פיהרען זיי יעדען טאָג אַהין און צוריק פון חדר א. א. וו. דאס שכירות פון בעלפער איז געווען 30 גילדען אַ זמן.

אַ חוץ דער פענסיע, האט דער מלמד געהאַט נאך אַ הכנסה, אויב אַ מיטגליד פון דער חב"ה תלמוד תורה איז געשטאָרבען, איז דער מלמד געוועזען צווישען די משניות-לערנער; אויב דער נפטר האט נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער האט אהרן איסר נאך איהם געזאָגט קדיש, פארוואס ער האט בעקומען בעזונדער בעצאהלט. קיין אַנדערער האט איהם נישט געטאָרט אוועקנעמען די דאָזיגע חזקה, א חוק, אויב אהרן איסר איז שוין געוועזען בעזעצט מיט א קדיש זאָגען.

די תלמידים, וועלכע האבען געענדיגט דאס חדר פון אהרן איסר'ן זענען איבערגעגאַנגען אין דער „הויך-שולע" פון דערמאַנטען וואָלף טויב.

במשך דער צייט האט זיך די היגע יודישע בעפעלקערונג פערגרעסערט און די צאהל מלמדים — פערמעהרט.

אין יאָהר 1860 זענען שוין אין אונזער שטאָדט געווען 10 מלמדים: ליבל פאקסט, דוד יוסף ראַפּאַפּאָרט, אייזיק בערקאָוויטש (אייזיק מיזשע), יחיאל קאָצקער, מיכאל בעסערגליק, משה אהרן, שמעי' בערקאָוויטש, וואָלף קאַמיקער, הירש קאַמיקער און יעקל קעלבאַס. די מלמדים זענען געווען פעררעכענט אלס משובעדי-הקהלה און בעקומען קמחא-דפסחא גלייך מיט זיי.

דער העכסטער אויטאָריטעט פון די מלמדים איז געווען ר' שמעי' בערקאָוויטש (דער בלינדער שמעיה), ביי וועלכען ס'האבען געלערנט אַלע נגידישע קינדער. נאך היינט געפונען זיך אין אונזער שטאָדט מעהרערע זייגע תלמידים, וועלכע בעשטעהן פון דאָקטוירים, פאַבריקאַנטען און סתם אינטעליגענץ.

אַ חוץ די בעצאַהלטע מלמדים האט אינדער זעלבער צייט עקזיסטירט אויך אין טשענסטאכאוו אַ ישיבה, וואס איז אַנגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן היגען גביר און למדן ר' יונה לאַנדא (טשענסטאָשינער רב) און זיך געפינען אין זיין וואוינונג. ר' יונה זעלבסט האט געלערנט שעור מיט די בחורים וואס האבען שוין געענדיגט זייער קורס ביי די מלמדים און זיך געניטיגט אין העכערע למודים. אַלע הוצאות פון דער ישיבה זענען געגאַנגען פון ר' יונה'ס קאַסע.

די חסידים האבען אויסגעמיטען די ישיבה, ווייל זיי האבען איינגעפונען, אַז די התנהגות אין זיין הויז איז צופיעל „פּאָסטעמפּאָווע". ר' יונה האט זיינע קינדער געלאָזט שטודירען אין ברעסלוי און דאס איז דאַמאלס געווען אַ גרויסער חטא, איבערהויפט פאַר אַזאַ יוד, ווי ר' יונה. דעריבער האבען די חסידים נישט געלאָזט געהן זייערע קינדער אין דער ישיבה, בכדי זיי זאָלען נישט „קאַליע" ווערען און געזוכט מיט פערשידענע מיטלען די ישיבה צו צושטערען. אַזוי אָבער ווי הרב לאַנדא האט זיך מיט די חסידים וועניג גערעכענט, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער גביר אין אונזער שטאָדט און גלייכצייטיג אַ תקיף ביי מלכות, האָבען זיי גענומען רופ'ן זיינע תלמידים, נישט געבענדיג די ישיבה בחורים קיין „טעג" צו עסען, נישט ערלויבט זיי צו דאַווענען אין שטיבעל א. א. וו.

די גרעסטע שנאה האבען די חסידים נאָכגעטראַגען דעם יונגסטען תלמיד פון דער ישיבה — שמואל גראַדאָן (שפּעטערדיגער מלמד). זיין חטא איז בעשטאַנען אין דעם, וואס ער האט יעדען פרייטאג בעגלייט זיין רבי'ן אין דער שויץ פון ה' ווערדע (נאַדזשעטשנע גאַס), נאָכטראָגענדיג איהם זיינע וועש. די מעהרמאַלי'גע התראות פון די חסידישע בחורים, ער זאל איבערלאָזען זיין רבי'ן אויף דער שוויץ-באַנק און ענטלויפען — האבען נישט געהאַט קיין פעולה. די חסידים האבען דעריבער געזוכט אַ געלעגענהייט, ווי אַזוי זיך מיט דעם דאָזיגען תלמוד אָבצורעכנען. אַ געוויסען שמחת תורה בשעת חדוה האבען זיי דעם איינגעעקשנ'טען שמואל'יק אַריינגעצאַרט אין שטיבעל און בפני כל עם ועדה מכבד געווען מיט אַ משכנתא כרבעי למהוי. ערשט דאַמאלס האט שמואל'יק דערפיהלט דעם חסידישען ברען... און אויפגעהערט צו געהן אין דער ישיבה.

ערפינדונגען, וואָס זענען לעצטענס געמאַכט געוואָרען.

פון ז. האבער, ווין

א ביסעלע ווייט פונ'ם שטעדטישען געטומעל אין גענף, אַקעגען דעם נייעם פאַלאַץ, וועלכען דער פעלקער-בונד האט זיך איצט אויפגעבויט אויפ'ן שענסטען פלאַץ פון גענף, געפונט זיך פערשטעקט אין אַ ריזיגען גרויסען פארק די געביידע פונ'ם אינטערנאציאָנאלען אַרבייטס-אַמט.

דער דאָזיגער אַמט איז די העכסטע שטעלע וועגען אַלע ענינים וואס זענען נוגע אינדוסטריעלע אַרבייט פון אַלע ציוויליזירטע לענדער פון דער גארער וועלט. דאָרט רעגיסטרירט מען אַלע אַרבייטס בעדינגונגען וואס זענען געשאַפען אין יעדען לאַנד, אַלערליי אַרבייטס-מעגליכקייטען ווערען דאָרט פערצייכענט און דאָרט איז אויך דער טריבונאל וואס האט צו פסקנ'ען איבער אַלע ספסוכים וואס זענען אויסגעבראָכען צווישען אַרבייטער און פאַבריקאַנטען, דאָרט פערהאַנדעלט מען וועגען אַלע דיפערענצען וואס קומען אַרויס וועגען לוין און וועגען אַרבייטס-צייט, אַהין פערפירט מען פּראָצעסען וועגען קאַרטעלען, מיט איין וואָרט: דאס איז דאָס העכסטע געריכט אין אַלע ווירטשאַפטליכע פראַגען כמעט פון דער גאַנצער וועלט. יעדעס לאַנד האט דאָרט זיינע בעאַמטע. וואס האָבען זיך צו בעשעפטיגען מיט אַלע עקאָנאָמישע ענינים פון זיין אייגען לאַנד און פון די וויכטיגסטע לענדער פון ארבע פנות העולם.

היינט איז עס אַנדערש געוואָרען. די לענדער ליידען אונטער'ן אַרבייטס-מאַנגעל. די אַרבייטער זענען צום גרעסטען טייל אָהן בעשעפטיגונג און דעריבער איז איצט נישט קיין צייט פון ספסוכים בנוגע לוין אָדער אַרבייטס-צייט. נישט פערהאַנען קיין וויכטיגע פראַגען בנוגע קאָנקורענץ. יעדעס לאַנד רעגעלט די דאָזיגע פראַגען גאַנץ אַליין און וויל נישט וויסען וואס אין אַנדערע לענדער טהוט זיך. די אַרבייטער זענען צופרידען מיט יעדען קלענסטען פערדינסט וואס זיי בעקומען נאר, און דער פאַבריקאַנט טראַכט ס'זאל איהם קאָסטען וואס ווייניגער, בכדי ער זאל קענען קאָנקורירען.

היינט רוהט די אַרבייט כמעט אינגאַנצען אין דעם דאָזיגען פאַלאַץ אין גענף. בלויז איין איינציגע אָבטיילונג איז שטאַרק בעשעפטיגט און אַרבייט דאָרט טאָג און נאַכט. דאס איז די אָבטיילונג פון די ערפינדער.

דאָרט ביים אינטערנאַציאָנאלען אַרבייטס-אַמט אין גענף ווערען פערצייכענט אַלע ערפינדונגען, גרויסע און קליינע, וואָס ווערען אַרויסגעבראַכט אין וועלכען ס'איז לאַנד. פון דאָרט ווערט מען געוואויר אויב אַזאַ מין ערפינדונג איז שוין פערהאַנען ערגיץ אין דער וועלט און פון דאָרט קאָנטראָלירט מען אויך, אויב די דאָזיגע ערפינדונג ווערט נישט ערגיץ נאָכגעמאַכט. דאָרט זענען צו זעהען אַלע ערפינדונגען פון דער גאַנצער וועלט ווען נישט אין אָריגינאל, לכל הפחות אויף דער פאָטאָגראַפיע, און ס'איז זעהר אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקען איבער וואס מענשען צוברעכען זיך זייערע קעפּ.

אין דער לעצטער צייט זענען צומייסט געמאַכט געוואָרען ערפינדונגען, וואס זענען נוגע שטוב-זאַכען. מ'קען אין דער וועלט נישט ליידען ווי די אָרימע בעל-הבית'טע פּלאָגט זיך נעביך. אַזוי ווי די מייסטע פרויען מוזען היינט אַרבייטען אַליין אָהן דינסטען און אַ גרויסער טייל וויל דאך כאַפּען אַ טענציל אויך אָדער אַ שפּיל אין ברידזש, מוז מען זעהען זיי זאָלען נישט אַזוי האַרעווען. האט מען פאַר זיי ערפינדען פערשידענע קלענערע און גרעסערע חפצים צוליעב זייער בעקוועמליכקייט.

אַזוי, למשל, קלענערע מאַשינען, וואס מ'בענוצט אין קוך. זיי ווערען צוגעשטעלט צום עלעקטרישען לאַמפּ און זיי מאַכען אַלעס: זיי קאָכען, באַקען, „שיאַטקעווען" קרויט און אַלערליי געמיזען און פרוכטען, זיי פּולען העלזלעך, שיילען קאַרטאָפעל און אויבסט, נעמען אַרויס קערלעך פון פלוימען און קאַרשען, רייבען די פאַדלאָגע, שאָבען אָב פיש און הערינג, מיט איין וואָרט: אַ פּעריל אין שטוב.

אַנ'אַנדער קליין מאַשינדעלע וואַשט וועש, וואַסער און שייער-פּולווער, מען מאַכט צו דאס מאַשינדעל און ס'וואַשט, קאָכט און רייניגט און מ'נעמט פון דאָרט אַרויס וועש נאַר צום אויפהענגען טרוקענען.

אויך פאַר מאַנסבילען האט מען געפונען אַלערליי חדושים. הונדערטער זאַכען למשל פערלייכטערען דאס ראַזירען. קרעמען, וואס מ'דאַרף נור ממש איינמאַל איינרייבען די הויט, ראַזיר-פּענזלען אויס גומי און שוואָם, וואס זייפען תיכף איין גוט און מחיה'דיג. ראַזיר-מעסער און אַפּאַראַטען, וואס זענען קיילעכדיג און דרעהען זיך אויף אַלע זייטען און נעמען אַראָב די באָרד נאך איידער מ'קוקט זיך אום. מיט איין וואָרט פלאי פלאים.

ס'זענען אויך כדאי צו דערמאָנען פערשידענע חפצים, וואס זענען ערפינדען געוואָרען אויף פערשידענע אַנדערע געביעטען. למשל פאָטאָגראַפירען אויף זיידענשטאָף. די בילדער קומען אַרויס פונקט אַזוי שעהן ווי אויפ'ן פּאַפּיר. כעמישע פּרעפּאַראַטען, מיט וועלכע מ'קען זעהר שטאַרק פערביליגערן די פאַבריקאַציע פון אַלערליי פאַרבען און טינטען. מיטלען צו פערהינדערן, אַז מאַרמעלאַדען און בכלל עסענוואַרג זאָלען נישט פערדאַרבען ווערען. מיט איין וואָרט: טויזענדער און טויזענדער חפצים האט מען אין דער לעצטער צייט ערפינדען.

איהם צו טהון...

איהר שפּיעלט זיך מיט'ן „בית יעקב" גבאי ר' אנשיל...

מען וויל צוריסען דעם ריעז.

די יודישע אָרגאַניזירטע האַנדווערקערשאַפט אין פּוילען איז בלי-ספק איינע פון די מעכטיגסטע ריעזען אין אונזער יודיש געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָס איז אויף דער יודישער גאַס דער געזונדסטער כח, וואָס וויל זיך נישט בויגען נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס, נאָר שטעהט ווי אַ צעמענטירטע פעסטונג איינגעגראָבען אין דער ערד מיט טיפע, געזונטע וואָרצלען. וויפיעל מאָל די פּאָליטישע פּאַרטייען זאָלען נישט וועלען פּרובירען אָבצורייסען פון איהר שטיקער, האָבען זיי זיך יעדעס מאָל אַנגעשלאָגען אין אַ פעסטען פעלז.

לעצטענס איז אין דער הויפּט-לייטונג פאָרגעקומען אַ שטיקעל מיספערשטענדניש. די וואַרשעווער פרעסע האט אָנגעהויבען צו פּויקען, אַראָבצורייסען דעם פיהרער, און באַלד האט זיך צולאָזט אַ געקלאַפּעריי אויף אַלע גלאָקען, אַז אַזוי און אַזוי, לכן, מוזען זיי געבען די האַנדווערקער אַנדערע אַפּיטראָפּסים.

אַז דאָס שמעקט מיט פּאַרטיי-פּאָליטיק, איז פאַר קיינעם נישט קיין ספק, און עס איז אַ גרויסע פראַגע, צי דער דאָזיגער חברה וועט עס געלונגען צו צוברעכען דעם יודישען האַנדווערקער און איהם מאַכען פאַר אַ ווערקצייג אין זייערע הענד.

איך האָב בייגעוואוינט אַ קאָלעקטיווע פערזאַמלונג וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונז אין שטאָדט אין האַנדווערקער-פערבאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע געשעהענישען אין האַנדווערקער-לעבען, און פון דעם, וואָס איך האָב געהערט פון די רעדנער, ווי אויך פון דער שטימונג ביי די מאַסען האַנדווערקער, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ס'וועט נישט געלונגען די פערשידענע פּאָליטיקער און פּאַרטיי-קאָכלעפעל צו צוברעכען דעם שטאַרקען ריעז. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ווען איינער פון די רעדנער האט געוואָלט דערצעהלען וועגען דעם ווי אַזוי פערשידענע — איבערהויפּט איין היגע פּאַרטיי — האט זיך יעצט „גענומען אָרגאַניזירען" כלומרשט די האַנדווערקער אונטער'ן נאָמען פון וועלען זיי בעגליקען מיט סערטיפיקאַטען, האט זיך אויפגעהויבען אַזאַ שטורם, וואָס האט בעוויזען, אַז די פערזאַמעלטע זענען גרייט דורכ צו זיין יעדען, וואָס וועט פּרובען זייער אָרגאַניזאַציע שאַדען צו ברענגען. מיר ווילען נישט — האָבען געשריגען צענדליגער קולות — אַז מען זאל אין אונזערע רייהען אַריינפיהרען פּאָליטיק מיר ווילען אַרבייטען און לעבען.

כ'ווייס נישט וואָס אַנדערע טראַכטען, נאָר מיר שיינט, אַז ס'וועט נישט זיין אַזוי לייכט צו צורייסען דעם מעכטיגען, שטאַרקען, פעסט-געבויטען ריעז, וואָס צעהלט 180 טויזענד יודישע אָרגאַניזירטע האַנדווערקער. ער איז צו שטאַרק דער ריעז!

יוד, גימל, פיי, למד.

דאָס זענען די פיער ראשי תיבות פון אַ געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך: „יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט". דאס זענען די חברה, וועלכע ווילען מיך דוקא אַרויספיהרען פון די ענגע מויערען פון דער שטאָדט און מיך בעקענען מיט דער נאַטור, מיט פעלדער און וועלדער, מיט אַלטערטימליכקייטען און מאָדערניזם. מיט איין וואָרט: זיי אַרט, וואָס איך לעב מיר רוהיג אין שטאָדט, צווישען מענשען, און זיי ווילען דוקא, אַז איך זאל זיין וואָס-מעהר אויפ'ן גראָז...

כדי דאָס צו פערווירקליכען, האָבען זיי געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אונטער דעם אויבענדערמאַנטען נאָמען. און מיינט נישט, אַז דאָס איז ערשט היינט געבוירען געוואָרען, זיי זענען שוין אַלט גאַנצע 5 יאָהר, און אַזוי ווי זיי האָבען געדינגען אַ נייעם לאָקאַל, מיט פעסטע מויערען, האָבען זיי גלייכצייטיג געמאַכט דעם 5-יאָהריגען קינד אַ חומש-סעודה. וואָס אויף זייער לשון הייסט עס: אַ יובל און אַ חנוכת-הבית פון נייעם לאָקאַל.

האָב איך דאָך געמיינט, אַז אויף אַזעלכע איינפאַלען זענען נאָר פעהיג יונגע מענשען, וואָס האָבען נאָך פייגעלעך אין קאָפּ... דערווייל ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך עלטערע מענשען פערנעהמען זיך מיט אַזעלכע „נאַרישקייטען". אויף דעם דאָזיגען יום-טוב האָבען די חברה-לייט אַראָבגעבראַכט אַ פאָרשטעהער פון וואַרשא, אַ יוד, וואָס איז שוין אין די מיטעלע יאָהרען, אויפ'ן בליק אַנ'ערנסטער, מיושב'דיגער מענש, און איהר האָט געדאַרפט זעהען מיט וויפיעל פּאַטאָס, מיט וויפיעל בעגייסטערונג, ער האָט גערעדט וועגען דער אַזוי-גערופענער נאַטור מיט איהרע שעהנקייטען.

קורץ, די דאָזיגע „משוגעים" טראַכטען ערנסט וועגען ענטוויקלען אַ גרויסע טעטיגקייט אויפ'ן דערמאַנטען געביעט, און ווי ס'ווייזט אויס, ווילען זיי האָבען אַ סך אַנהענגער, וואָרום אויף דעם יום-טוב, ווי זיי רופען אָן די פייערונג פון 5 יעהריגען יובל, זענען געקומען אַ גרויסע מאַסע פון דער אינטעליגענטער יוגענד, וועלכע ווילען זיך בעשטימט פערשרייבען אַלס מיטגלידער פון דער לאַנדקענטשאַפט געזעלשאַפט.

די דאָזיגע געזעלשאַפט געהט זיך אינטענסיוו נעמען צו דער אַרבייט, דהיינו: זי וויל גרינדען — אָבער לאָזט מיך געמאַך, איך וויל נישט אויסרעכנען דאָס וואָס זי וויל, איך וועל בעסער שרייבען וועגען דעם, וואָס זיי האָבען שוין געמאַכט, דאַמאָלס ווען עס וועט פערטיג זיין.

האָב איך אייך דערצעהלט פון דעם 5 יעהריגען יובל פון אַזאַ מין מאָדנע אינסטיטוציע, וואָס איהרע ראשי תיבות הייסען: יוד, גימל, פיי, למד...

פון שטיבעל-פראָנט אלעע 6.

דאָס שטיבעל אלעע 6 ליפערט זעהר אָפט, מאַטעריאַל אין מיין „וואָס געהערט און געזעהן", און דעם אמת זאָגענדיג, איז עס זעהר „וויכטיג" מאַטעריאַל.

די מעשה, וועלכע איך דערצעהל אייך איצט, האט פּאַסירט דעם לעצטען שבת, וואָס איז געווען אַ שבת-מברכים. אין דעם דאָזיגען שטיבעל איז „ביז נישט לאַנג געווען בעל-קורא און בעל-תפילה אברהם יחיאל ק., און היות ווי קהל איז נישט מרוצה צו דעם בעל-קורא, האט מען איינגעלאַדען אַ צווייטען ר' ליפּמאַן ש. ה' ק. איז דעריבער ברוגז געוואָרען אויף קהל, נאָר ווען ס'איז געקומען צום ברעטיל האט ער נישט געקוקט אויפ'ן ברוגז און ווייטער געווען דער שליח צבור.

דעם פערגאַנגענעם שבת איז דער נייער בעל-קורא ר' ליפּמאַן נישט געזונד געוואָרען און נישט געקומען צום דאַווענען. האט דער עולם לאין ברירה געבעטען ר' אברהם יחיאלן, אַז ער זאל לייענען. דער לעצטער האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט און עס האט געלייענט אַ צווייטער יוד. האט זיך קהל נוקם געווען און מכבד געווען מיט ראש-חודש בענשען דעם שטענדיגען מתפלל פון שטיבעל, וועלכען מען רופט: ברוך משלם. אונזער ר' אברהם יחיאל ק., זעהענדיג דאס ספר אין דער האַנד פון ר' ברוך משלם, איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען, צוגעלאָפען און מיט כח איהם אַרויסגעריסען, און אָנגעהויבען זאָגען דעם יהי רצון. איז דאך געוואָרען אַ סומאַטאָכע, אַ געשריי, אָבער ר' אברהם יחיאל האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון און זיך ווייטער געבענשט, גאָר ווען ס'איז געקומען צום אָרט, וואו מען מעלדעט ווען ס'איז ראש חודש, איז עס פאַרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

ר' אברהם יחיאל זאָגט: ראש-חודש כסלו יהא ביום החמשי, רופט זיך אָן איינער פון די מתפללים: איהר בענשט נישט קיין ראש-חודש. איך וויל אייך נישט הערען. רופט זיך אָב אין מיטען דער ראש חודש-בענשער: און אַז דו ווילסט נישט, לאָבוז, האב איך דיך אין דר'ערד, און פערענדיגט מיט: הבא עלינו לטובה... דערפאַר אָבער האָבען די מתפללים איהם שוין נישט צוגעלאָזט צום ברעטיל מוסף דאַווענען און ביים גאַנצען מוסף האט עס געקאָכט ווי אין אַ קעסיל. ווער ווייסט מיט וואָס די מחלוקה וועט זיך ענדיגען...

לויתן

פון האַנדוועקער=לעבען

פערגאַנגענעם שבת-צו-נאַכטס איז פאָרגעקומען א גרויסע קאָלעקטיווע פערזאַמלונג, איינגעאָרדנט דורך דער היגער אָבטיילונג פון האַנדוועקער-פערבאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע געשעהעענישען אין דער האַנד-וועקער-בעוועגונג.

דער ערשטער רעדט ה' ש. קאַץ, וועלכער גיט-אָב א גענויען בעריכט פון דער זיצונג פון צ. ק., וואו ס'זענען בעטראַכט געוואָרען די לעצטע געשעהענישען אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרוואורפען, וואָס ווערען געמאַכט מצד דער יודישער געזעלשאַפט דעם פיהרער ה' ראַסנער.

לויט די רייד פון ה' קאַץ, איז די האַנדוועקער-בעוועגונג געווען איזאָ-לירט פון דער יודישער געזעלשאַפט און אויב איצט זענען געשאַפען געוואָ-רען די געזעלשאַפטליכע קאָמיטעטען דאַרף מען זיי בעגריסען. די הויפט-עולה פון פיהרער איז געווען דאָס, וואָס, נישט האָבענדיג קיין השפעה אויף דער נאָוועליזירונג פון די נייע האַנדוועקער-קאַמערן, וואו ס'ווערט צוגענומען די יודישע מיטגלידער יעדע מעגליכקייט פון השפעה אויף די געזעצען, האָט ער געדאַרפט אויפרודערען די גאַנצע יודישע געזעלשאַפט און אויך רופען דעם האַנדוועקער-קאָנגרעס און נישט סומך זיך זיין אויף זיך זעלבסט. דאָס איז לויט דעם רעדנערס מיינונג דער הויפּט-פעהלער.

די האַנדוועקער מיט זייערע 180 טויזענד אָרגאַניזירטע מיטגלידער זענען די איינציגע, וועלכע האָבען נישט מורא געהאַט צו מאַכען דעם דאָזיגען געוואַגטען שריט און אָבשטעלען זייערע פיהרער, וועלכע האָבען געאַרבייט 20 יאָהר און זיי איבערגעגעבען צו א געזעלשאַפטליכען געריכט, וויסענדיג, אַז דאָס אָרגאַניזירטע יודישע האַנדווער-קערטום וועט פון דעם אַרויס געשטאַרקט און געזונד. מיר זענען נישט קיין אָפּ-געזונדערטע קאַסטע, ווי עס האָבען אונז טראַקטירט פערשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען, נאָר מיר זענען א אינטע-גראַלער טייל פון דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט. צו דעם מוז געמאַכט ווע-רען א סוף. מיר, יודישע האַנדוועקער מוזען זיך בעטייליגען אין אַלע פּראָב-לעמען, וואָס זענען אַקטועל אין דער יודישער גאַס און עס מוז אָבגעשאַפט ווערען די כינעזישע מויער, ווי פערשי-דענע פּאָליטישע טהוער האָבען עס ביז איצט געוואָלט טהון.

ראַט. יוסף גאָלדבערג רעדט וועגען די אַקטועלע פּראָבלעמען פון האַנד-ווערקערטום, ווי וועגען עקזאַמענס, געזעלען, לערן-יונגלעך. ער קריטיקירט גלייכצייטיג די בעלי-טובות'דיגע קאָמי-טעטען, וועלכע קומען יעצט מיט טענות, ווען מען האָט זיך צו זיי געווענדעט וועגען אויסבאָרגען געלד די בעלי-מלאכות, כדי זיי זאָלען קאָנען בעקומען די דיפּלאָמען, איז קיינער נישט געווען אינדערהיים. מען איז נאָר אויסען — זאָגט ווייטער ה' גאָלדבערג — צו צוברעכען די אָרגאַניזאַציע. דאָס וועט זיך אָבער נישט איינגעבען, צו גרויס איז אונזער כח און מיט אונזער געזונדטען אינסטינקט פון א יודישען בעל-מלאכה, וועלען מיר נאָך שטאַרקער צעמענטירען אונזער פערבאַנד.

ה' ד. קאָניעצפּאָלער רעדט וועגען דעם, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ה' ראַסנער איז געווען 20 יאָהר דער פיהרער פון דער בעוועגונג, פונדעסט-וועגען, ווען ס'איז איהם געמאַכט גע-וואָרען פאַרוואורפען, האָט מען זיך נישט אָבגעשראָקען און איהם מיט דער גאַנצער לייטונג איבערגעגעבען צו א געזעלשאַפטליכען געריכט, דאָס בעווייזט, אַז דער האַנדוועקער איז רוהיג וועגען זיין גורל. דער האַנדוועקער-פערבאַנד וועט ווייטער געהן זיין אויסגעטראָטע-נעם וועג און וועט נישט אַרונטערפאַלען אונטער קיין שום השפעות. מיר וועלען ווייטער ווי ביז איצט פיהרען אונזער אייגענע האַנדוועקערישע פּאָליטיק אויף אַלע געביטען פון געזעלשאַפט-ליכען לעבען, סיי אין סיים, אין קהלה, שטאָדט-ראַטען א. אַז. וו. דער רעדנער טאַדעלט גלייכצייטיג א היגע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אונטער'ן נאָמען חלוצישע האַנדוועקער, וויל נישט אַרבייטען פאַר דער טובה פון די האַנד-ווערקער, נאָר וויל פון האַנדוועקער-פערבאַנד אַברייסען שטיקער. דאָס וועט אָבער בשום אופן נישט געלונגען.

דאָס לעצטע וואָרט נעמט ה' ווייס, וועלכער טרעט שאַרף אַרויס געגען די נייע בעל-טובות, וואָס קומען בעגליקען די האַנדוועקער. דערביי רעכענט ער זיך אָב מיט'ן „בונד", וועלכער האָט געשפּייזט דעם עולם מיט הבטחות, אַז מען וועט נישט דאַרפען קיין האַנדווער-קער-קאַרטען. אויך פערשידענע קליינ-הענדלער-אָרגאַניזאַציעס האָבען אַרויס-געגעבען צייטונגען, איינגעאָרדנעט מיטינגען און צונעזאָגט דעם עולם, אַז מען וועט נישט דאַרפען קיין האַנדווער-קער-קאַרטען און וואָס איז פון דעם געוואָרען? איצט קומען די דאָזיגע „בעלי-טובות" און שרייען געוואַלד. וואו זענען זיי דאַמאָלס געווען, ווען ס'איז נאָך צייט געווען עפּעס צו טהון?

צווישען 600 האַנדוועקער-שולען אין פּוילען זענען פערהאַנען סך הכל 21 יודישע. דורך די 8 יאָהר איז צוגעקו-מען 8 מיט דריי פערטיל פּראָצענט יודישע בעלי-מלאכות, אינדערצייט, ווען אויף דער פּוילישער גאַס איז צוגעקו-מען 45 פּראָצענט בעל-מלאכות. ה' ווייס האָט נישט קיין צוטרוי צום פּראָוויזאָ-ריום. ער רופט די האַנדוועקער צו בלייבען טריי דער אָרגאַניזאַציע און צו שטעהן אויף דער וואַך פון זייערע האַנדוועקער-אינטערעסען.

די פערזאַמלונג און די אויספיהרונ-גען פון די רעדנער האָט געמאַכט אויף דער גרויסער צאָהל אַנוועזענדע א גוטען איינדרוק.

———————

ווי מען טיילט אונז מיט, איז די דאָזיגע פערזאַמלונג אַן אָנהויב פון א רייהע פערזאַמלונגען, וואָס די אָרטיגע אָבטיילונג קלויבט זיך איינצואָרדנען אין די נאָהנטסטע טעג.

דער פייערליכער יובל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער 5-יעהריגער טעטיגקייט פון דער היגער י.ג.פ.ל.

די יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנד-קענטשאַפט עקזיסטירט שוין אויפ'ן טשענסטאָכאָווער באָדען 5 יאָהר. לעצ-טענס איז געדונגען געוואָרען א גרויסער לאָקאַל פאַר די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז געפייערט געוואָרען דער 5-יעהרי-גער יובל, פערבינדען מיט'ן חנוכת-הבית פון נייעם לאָקאַל און ס'איז אויך פאָר-געקומען אַן אַלגעמיינע מיטגלידער-פער-זאַמלונג.

צו דער דאָזיגער אַלגעמיינער פער-זאַמלונג און יובל-פייערונג איז דעלע-גירט געוואָרען פון דער צענטראַלע אין וואַרשאַ דער פאָרזיצער פון דער וואַר-שאָווער אָבטיילונג ה' צעדעראָוויטש.

פרייטאָג צונאַכטס איז פאָרגעקומען די מיטגלידער-פערזאַמלונג. אין פּרע-זידיום זיצען די ה"ה: דענט. לייזעראָ-וויטש — פאָרזיצער, צעדעראָוויטש פון וואַרשאַ, פּראָפ. ווײנשטאָק און פּרל. סאַלאָט — סעקרעטאָרין.

נאָכדעם, ווי עס ווערט אָדורכגעלעזען דער פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַל-געמיינער פערזאַמלונג דורך פּרל. סאַ-לאָט, דער טעטיגקייטס-בעריכט דורך ה' לייזעראָוויטש, דער קאַסע-בעריכט דורך ה' שטיבעל, האַלט א זעהר גע-לונגענעם רעפעראַט אין א פּרעכטיגען יודיש דער דעלעגאַט פון וואַרשאַ, ה' צעדעראָוויטש וועגען די אויפגאַבען פון טוריסטיק בכלל און ביי יודען בפרט.

אין דער דיסקוסיע איבער'ן בעריכט נעמען-אָנטייל די ה"ה: ווײנשטאַק, בלו-מענקראַנץ, פראַנק, האַראָוויטש, גאָלד-בערג, פּר. וואַסערמאַן און אַנד. אין רעזולטאַט ווערט דער בעריכט בעשטע-טיגט און ס'ווערט אויסגעדריקט א דאַנק דער פערוואַלטונג און ספּעציעל איהר פּרעזעס, דעם ה' לייזעראָוויטש פאַר זייער טיכטיגער אַרבייט.

לויט'ן פאָרשלאַג פון ה' ווײנשטאַק ווערט ה' לייזעראָוויטש בעשאַנקען מיט א זשעטאָן פאַר זיינע לייסטונגען פאַר דער געזעלשאַפט.

דאַן ווערען נאָך בעהאַנדעלט פערשי-דענע פראַגען, ווי די לאָקאַל-פראַגע, דאָס צוגרייטען דעם 5-יעהריגען יובל און אַנד.

אין א געהויבענער שטימונג ווערט די פערזאַמלונג שפּעט ביינאַכט גענענ-דיגט.

צומאָרגענס, שבת-צו-נאַכטס איז פאָר-געקומען דער פייערליכער חנוכת-הבית פון נייעם לאָקאַל און דער יובל פון דער 5 יעהריגער טעטיגקייט.

צו דער פייערונג זענען געקומען כמעט אַלע מיטגלידער, ווי אויך א גרויסע צאָהל פערבעטענע געסט. דער זאַל איז הערליך דעקאָרירט. ביים פּרע-זידיום-טיש זיצען די ה"ה צעדעראָוויטש פון וואַרשא, לייזעראָוויטש און ל. ווײנ-שטאַק.

די פייערונג עפענט פּרעזעס לייזע-ראָוויטש מיט א קורצען איבערבליק וועגען דער היגער אָבטיילונג, דאַן גיט אָב א בעריכט פון דער 5 יעהריגער טעטיגקייט ה' ווײנשטאַק. עס האַלט א רעפעראַט ה' צעדעראָוויטש פון וואַרשא, וועלכער מאַכט א ריזיגען איינדרוק אויף אַלע אַנוועזענדע.

עס קומען דאַן פאַר די בעגריסונגען: אין נאָמען פון דער צענטראַלע ה' צע-דעראָוויטש, אין נאָמען פון דער קול-טור-ליגע ה' פּרץ, אין נאָמען פון דער יודישער פּרעסע — ה' ש. פראַנק. עס בעגריסען אויך די פאָרשטעהער פון פּוילישען טוריסטען קלוב, דעלעגאַט פון דער בענדינער אָבטיילונג. עס ווערען געלעזען בעגריסונגען פון א רייהע אָבטיילונגען אין פּוילען און אויך פון פּריוואַטע פּערזאָנען.

נאָך דער אָפיציעלער טייל קומט פאַר א קאָנצערט טייל, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך פּרל. הינדע פון דער היעגער גערטנער-פירמע מיט עטליכע פּוילישע און יודישע דעקלאַמאַציעס, ה' ריכטער זינגט ביים אַקאָמפּאַנימענט פון מאַדאַם טשענסטאָכאָווסקא עטליכע פּוילישע און יודישע געזאַנג נומערן, וועלכע נעמען שטאַרק אויס ביים פער-זאַמעלטען עולם. פרוי וואַסערמאַן לעזט דאַן איהרס אַן'אייגענע אָנגעשריבענע סאַטירע, וואָס רופט אַרויס הייטערקייט ביי די פערזאַמעלטע.

אונטער די קלאַנגען פון אַן'אָרקעס-טער כאַפּט דערווייל דער עולם א טענציל און ווײלט זיך ביז שפּעט ביי-נאַכט, געניסענדיג פון פיין-איינגעאָר-דענטען בופעט.

בכלל האָט דער יובל געטראָגען א פייערליכען כאַראַקטער און געמאַכט אויף אַלע אַנוועזענדע אַן'אימפּאָזאַנטען איינדרוק.

פון דער קולטור - קאָמיסיע ביים ברית הצה"ר.

פרייטאָג, דעם 9 ד. ח. 8 אָוונט הויבט זיך אָן א ציקל רעפעראַטען פון יודישע געשיכטע אונטער דער לייטונג פון חבר הועד פון ברית הצה"ר דיר. ווײנמאַן.

BERSON
נעמט בלויז בערסאָן און
OKMA
גומי-לעדער
פּיליגּ

Guder Bebe Szofmana זייט 35 יאָהר אין דינסט פון קינד

אָנגעזעהענע מזרחי - פיהרער אין טשענסטאָכאָוו.

זונטאָג, דעם 11 ד. ח. קומען אין אונזער שטאָדט דער בעוואוסטער מזרחי-פיהרער און מיטגליד פון ציו-ניסטישען אַקציאָנס - קאָמיטעט הרב יהודה לייב פישמאַן פון ירושלים און דער בעליעבטער מזרחיסטישער מנהיג הרב יצחק ניסענבוים פון וואַרשא, צו דער עפענונג פון קאַמפּיין א. נ. מפעל למען בנין ארץ-ישראל דתית אין אונ-זער שטאָדט, די חשוב'ע געסט וועט לען אויך אָנטייל געמען אין דער אַקאַדעמיע, וועלכע קומט פאָר זונטאָג 6 א זייגער אָוונט אין דער נייער שוהל.

זמרה זעליגפעלד און יהודית בערג אין טשענסטאָכאָוו.

אין דער נאָהנטסטער צייט וועלען אין טשענסטאָכאָוו אויפטרעטען אויף א קאָנצערט-אָוונד צוויי בעוואוסטע כחות, נעמליך: די בעקאַנטע פאָלקס-זינגערין זמרה זעליגפעלד און די אונפערגלייכ-באַרע טענצערין יהודית בערג.

גענויערס וועגען דעם זעהר אינטע-רעסאַנטען קאָנצערט-אָוונד אין די נאָהנטסטע נומערן פון אונזער צייטונג.

פאַר רחל שיפמאַן איז אָנגעקומען פון אַמעריקאַ 10 דאָלאַר.

פאַר פרוי רחל שיפמאַן איז אָנגעקו-מען אין היגען פּאָסט-אַמט פון ניו-יאָרק 57.42 זל. אַזוי ווי דער פּרזשעקאַז איז וואַרשיינליך שלעכט אַדרעסירט (די אַדרעס איז: וואַרשאַווסקא פּיאָטרקאָווסקא נר. 50) און דער בריעף-טרעגער האָט די אויבענדערמאַנטע פרוי נישט געקאָנט געפונען, דאַרף די פּערזאָנטערעסירטע אַליין זיך ווענדען אין פּאָסט-אַמט (שלאָנסקאַ גאַס).

פון י. ג. פּ. ל.

די יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנד-קענטשאַפט געפונט זיך פון 1-טען ד.ח. אין א נייעם, גרויסען לאָקאַל אויף אַלעע וואָלנאַשטשי 2. דער לאָקאַל איז אָפען יעדען טאָג פון 8 אָוונד. אויפ'ן אָרט — א בופעט, טעגליכע און טאָג-פּרעסע, פערשידענע געזעלשאַפטליכע פערוויילונגען א.א.וו. שבת און זונטאָג איז דער לאָקאַל טעטיג פון 4 נאַכמ. דער סעקרעטאַריאַט אַמטירט טעגליך פון 9 ביז 10 אָוונד.

אין י. ג. פּ. ל. זענען צו בעקומען בילעטען אויף דער היינטיגער פאָרשטע-לונג „כ'האָב בעזיעגט דעם קריזיס" אין קאַמעראַל טעאַטער צו פּאָפּולערע פּרייזען.

שבת, דעם 10-טען ד. ח. קומט פאָר אַן'אויספלוג אין דער פאַבריק „מעטאַ-לורגיאַ". איינשרייבונגען ביז'ן 9 ד. ח. טרעף פונקט אין לאָקאַל 9 פריה.

דעם 10, 11 און 12 ד.ח. אָרגאַניזירט י. ג. פּ. ל. אַן'אויספלוג קיין וואַרשא. איינשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס אין סעקרעטאַריאַט ביז היינט אָוונד.

אַ פאָרלעזונג פון דיבטער מלך ראַוויטש.

דער געזעלשאַפט „קולטור-ליגע" איז געלונגען אָראָבצוברענגען אויף א פאָר-לעזונג אין אונזער שטאָדט דעם גרעס-טען יודישען וועלט-רייזענדען מלך ראַוויטש, וועלכער איז נאָר וואָס צוריק-געקומען פון א רונד-רייזע אַרום דער וועלט, וואָס האָט געדויערט דרייצען מאָנאַטען.

די פאָרלעזונג א.ד.ט.: „פינף קאָנטי-נענטען און דריי צענאָנען" וועט פאָר-קומען שבת, דעם 10-טען נאָוועמבער 11 א זייגער פריה אין קינאָ-טעאַטער „אַטלאַנטיק". די פאָרלעזונג וועט אילוס-טרירט ווערען מיט צוויי הונדערט ליכט-בילדער פון די ווילדעסטע מענשען, די ווילדעסטע נאַטור-ווינקלען פון דער וועלט. אַלע בילדער זענען אַליין גענו-מען געוואָרען דורך מ. ראַוויטש.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער געז. „קולטור-ליגע" (אַלעע 12) יעדען טאָג פון 11 פריה ביז 8 אָוונד.

פון „ברית קנאים".

עס האָט געענדיגט דעם סעמינאַר-קורס פון „ברק"אי" די אחות צפורה זילבערשאַץ, וועלכע פיהרט אָן מיט א כיתה פון בר"ק.

וואו איז יושר?

(אויפ'ן אדרעס פון היגען יוד. געז. גימנאַזיום).

צו אונז אין רעדאַקציע איז געקו-מען אַן'אָנגעזעהענער היגער יוד, וועל-כער האָט אונז איבערגעגעבען פאָל-גענדעס.

ביים היגען יוד. געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום עקזיסטירט אַן'עלטערען-קאָ-מיטעט, וואָס פערנעמט זיך מיט א בעשפּייזונגס-אַקציע פאַר די שילער, און במילא קויפען זיי טעגליך עטליכע ליטער מילך. ביז איצט האָבען זיי דאָס געקויפט ביי א יודישען מילך-הענדלער, ביי א פּאַטער, וועלכער האָט אין זעלבען גימנאַזיום דריי קינדער.

אין איצטיגען סעזאָן אָבער האָט דער עלטערן-קאָמיטעט אָהן צו וויסען צו טהון דעם זעלבען מילך-הענדלער, בעשטעלט מילך ביים יאַסקראָווער פּריץ אָפּאַנאָוויטש.

דער דאָזיגער פאַקט האָט אַרויסגע-רופען גרויס אויפרעגונג צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע טאַדעלט דעם דאָזיגען שריט פון א נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע.

ס'וואָלט נישט געווען אַזוי פיינליך, ווען דער עלטערן - קאָמיטעט וואָלט כאָטש פריהער גענומען אָפּערטען ביי די יודישע מילך-הענדלער. אָבער אויס-מיידען אינגאַנצען יודען און תיכף געהן צו א נישט-יוד — אַזאַ האַנדלונג שטימט זיכער נישט מיט קיין יושר.

אָרגאַניזיר-צוזאַמענפאָהר פון קעל-צער קרייז-פערבאַנד „מכבי" אין טשענסטאָכאָוו.

לויט'ן בעשלוס פון צענטראַלען פער-באַנד „מכבי" אין פּוילען ווערט געשאַ-פען א קעלצער קרייז-פערבאַנד „מכבי" מיט'ן זיץ-אָרט אין טשענסטאָכאָוו. דער קרייז-פערבאַנד וועט אַרומנעמען אַלע קלובען פון קעלצער וואָיעוואודשאַפט מיט'ן אויסנאַהם פון זאַגלעמביע און פּאָוויאַטען: ראַדאָם—קאָנסק.

דער אָרגאַניזיר - צוזאַמענפאָהר פון קרייז-פערבאַנד קומט פאָר זונטאָג, דעם 18 ד.ח. 10 א זייגער פריה אין לאָקאַל פון י.ט.ס.פּ. „מכבי" אין טשענסטאָכאָוו (קאַטעדראַלנע 13). דער טאָג-אָרדנונג פון צוזאַמענפאָהר ועהט פאָר צווישען אַנדערע פּונקטען א רעפעראַט פון פאָר-שטעהער פון צענטראַלען פערבאַנד וועגען דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער יודישער ספּאָרט-בעוועגונג און וועגען דער צווייטער מכביאַדע, דאָס אָננעמען דעם סטאַטוט פון קרייז-פערבאַנד און אָדורכפיהרען וואַהלען פון עקזעקוטיווו און ראַט.

די קלובען, וואָס זענען אָנגעשלאָסען אין מכבי-פערבאַנד און וועלען צוליב פערשידענע סבות נישט בעקומען קיין איינלאַדונגען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר, דאַרפען דירעקט זיך ווענדען צום אָר-גאַניזיר-קאָמיטעט, וועלכער האָט זיין זיץ-אָרט אין טשענסטאָכאָווער „מכבי".

איבערגעטראָגען דעם 2-טען פּאָליציי קאָמיסאַריאַט אויף פּילסודסקי 19.

פון 2-טען ד. ח. איז דער צווייטער פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, וועלכער האָט זיך ביז איצט געפונען אויף נאַרוטאָוויטשא 19–23, איבערגעטראָגען געוואָרען אין א נייעם לאָקאַל אויף פּילסודסקי 19.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז דעם 2-טען ד. ח. ליקווידירט געוואָרען דער פּאָליציי פּאָסטערונעק אויף דער באַהן-סטאַציע טשענסטאָכאָוו, וועלכער איז איינגעגלידערט געוואָרען אין צווייטען קאָמיסאַריאַט אַריין.

שטאָדט-פּרעזידענט וויזיטירט פּאָוו-שעכנע שולען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערנעהרונגס-אַקציע פאַר אָרימע קינדער.

דער טשענסטאָכאָווער שטאָדט-פּרעזי-דענט האָט נעכטען בעזוכט די פּאָוו-שעכנע שולען נר. 5, 6, 12, 13 און 15. די וויזיטאַציע איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָרגאַניזירען א דערנעהרונגס-און הילף אַקציע פאַר די אָרימע קינדער פון די דאָזיגע שולען.

דעם שטאָדט-פּרעזידענט האָט אויף דער וויזיטאַציע בעגלייט דער לייטער פון דער שטאָדטישער בילדונגס-אָבטיי-לונג, ה' סטאַלאַ.

ST. FELCZER
z długoletnią praktyką
Ludwik Montag
Aleja 1, 2-gie piętro, front
(N. Rynek) tel. 25-17
przyjmuje cały dzień i udziela doraźnej pomocy o każdej porze.

לעצטער נומער
„ליטעראַרישע בלעטער"
איך אַלע סאָרטען קאַלענדאַרען
צו בעקומען ביים צייטונגס-פערקויפער
שמולעוויטש, אַלעע 5.

די באַנק קופּיעצקי זיך איבערגעצויגען אין א נייעם גרויסען לאָקאַל.

די קאָאָפּעראַטיווע סוחרים - באַנק, וואָס האט זיך געפונען אויפ'ן נייעם מארק 13, האָט זיך איבערגעצויגען אין א נייעם לאָקאל אויף אַלעע 5, ערשטער שטאָק פראָנט.

דער לאָקאל איז זעהר א גרויסער און איז איינגעאָרדענט געוואָרען, כדי צו זיין בעקוועם פאר די קליענטען, וועלכע קומען ערלעדיגען זייערע באַנק אָפּעראַציעס.

פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי".

היינט פרייטאָג 8 אָוועגד קומט-פאָר די פאָרטזעצונג פון שיחת-חברים געפיהרט דורך ה' מ. רוזשעוויטש.

שבת 4 נאָכמיטאָג קומט-פאָר א רעפעראַט א. ד. ט. „די אידעאָלאָגיע פון דער יודענשטאַטס - פאַרטיי" דורך ה' אינזש. אָרלינסקי.

שבת-צו-נאַכטס 9 א זייגער — א טהע-אָוועגד.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג קומט-פאָר שבת דעם 17 ד. ח. 8 אָוועגד.

פון „מוסדה".

מאָנטאָג, דעם 12 ד. ח. „ציוניסטישע געשיכטע" דורך מגר. א. בראַטמאַן.

פון „התאחדות".

מאָרגען שבת, 3-30 נאָכמיטאָג וועט אין לאָקאל פון האנדווערקער-פערבאנד אַלעע 12, פאָרקומען א רעפעראט פון ה' משה מאזינגער א. ד. ט. „דער אויפבוי פון א"י, לויט'ן גייסט פון הפועל הצעיר-התאחדות".

מוצאי שבת 8-30 א זייגער קומט-פאָר א פגישת חברים פון די סניפים פון טשענסטאָכאָוו, קלאָבוצק, וויעלון. עס וועלען אַרויסטרעטען מיט רעדעס חברים פון צענטראַל-קאָמיטעט.

געלאָזט אין בעטריעב פעלצער'ס פאַבריק.

נאָך 9 וואָכען איבעררייס איז ענדליך מאנטאַג געלאָזט געוואָרען אין בעטריעב פעלצער'ס פאבריק, אין וועלכער ס'איז לעצטענס פארגעקומען אַנ'אָקופּאַציע-שטרייק, וואס האט געדויערט 7 וואָכען.

קלאַנגען וועגען אַנ'ענדערונג אויפ'ן וואָיעוואָדישען אַמט אין קעלץ.

עס האבען זיך פערשפרייט קלאַנגען, אַז אין דער נאָהנטסטער צוקונפט זאָל פאָרקומען אַנ'ענדערונג אויפ'ן אָמט פון קעלצער וואָיעוואָדאַ.

לויט די דאָזיגע קלאַנגען זאָל דער קעלצער וואָיעוואָדאַ, דר. דזיאַדאָש נאָמינירט ווערען אלס קאמיסאר פון דער שטאָדט ווארשא און אלס קעלצער וואָיעוואָדאַ זאָל בעשטימט ווערען דער ביז-איצטיגער רעגירונגס-קאמיסאר פון ווארשא, וואָיעוואָדאַ יאַראָשעוויטש.

אין דער לאָדזער פרעסע זענען לאַנסירט געוואָרען קלאַנגען, אַז אלס לאָדזער שטאָדט-פרעזידענט זאָל בעשטימט ווערען דער טשענסטאָכאָווער לאַווניק ה' סעווערין נאָוואַקאָווסקי, וועלכער איז איצט ביאַליסטאָקער שטאָדט-פרעזידענט.

פון ברית הצה"ר.

פערג. וואָך איז אונטער דעם פאָרזיץ פון פרעזעס ניעמיראָווסקי פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער ספּעציעלער קאמיסיע צו פייערען דעם 54 געבורסטאָג פון פּרעזידענט זשאַבאָטינסקי, אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען פאָרשטעהער פון אַלע היגע רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס: ברית הצה"ר, בית"ר, ברית החיל, נורדיה.

דער טערמין פון דער פייערונג איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם 11 ד.ח. עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ גענויער סדר-היום פון דער פייערונג, וועלכע וועט בעזונדער געמאָלדען ווערען אין דער פּרעסע.

דינר-אַקציע ביים הצה"ר.

אין צוזאָמענהאַנג דערמיט, וואס עס קומט פאָר שוין דעם צווייטען חודש די אַלוועלטליכע קאָנפערענץ פון רעוויזיאָניסטישען פערבאַנד, ווערט שוין די טעג די דינר און גולים-אַקציע פערענדיגט.

מיר דערמאָנען אַלע חברים, אַז אויב זיי האבען נישט אויסגעקויפט קיין דיגרים, וועלען זיי גישט האבען קיין וואָהל-רעכט צו דער בעפאָרשטעהענדער וועלט-קאָנפערענץ.

אַלע הברים ווערען דעריבער אויפגעפאָדערט אויסצוקויפען דינרים, וועלכע זענען צו בעקומען ביים דינר-קאָמיסאָר עזריאל יאָקובאָוויטש.

פון בית"ר.

פערג. וואָך איז פאָרגעקומען אַנ'אסיפה פון גאַנצען קן, אויף וועלכע דער אח מפקד הקן משה זעלצער האט רעפערירט די בעדייטונג פון שלום-אבמאַך אין לאָנדאָן. צום סוף פון רעפעראַט איז אָנגעקומען די ידיעה וועגען טויט פון באַראָן ראָטשילד. מפקד זעלצער האט דאן געשילדערט די פערדינסטען פון באַראָן אויפ'ן געביעט פון קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל. אלס צייכען פון טרויער איז ערקלערט געוואָרען 1 מינוט שטילשווייגען.

מאַגאַזינער פער'משפט צו בעצאָהלען 100 זל. געלד-שטראָף פאר אַרויסגעבען אַרבייט אין אַ אונלעגאַלע האַנדווערקער-ווערקשטעל.

מיט עטליכע הדשים צוריק איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען א קאָנטראָל אין די שיך-מאַגאַזינען. א ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע האט בעזוכט די מאַגאַזינערס, כדי אויסצופאָרשען וועלכע האַנדווערקער עס ווערט אַרויסגעגעבען די אַרבייט, האט פעסטגעשטעלט אין איינינע פאַלען, אז די מאַגאַזינערס האבען געגעבען אַזעלכע האַנדווערקער, וואס זענען נישט בערעכטיגט צו פיהרען אייגענע ווערקשטעלען, ווייל זיי בעזיצען נישט קיין האַנדווערקער-קאַרטען. געגען די דאָזיגע מאַגאַזינערס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרען פּראָטאָקאָלען און די סטאַראָסטווא האט זיי אויפ'ן אַדמיניסטראַטיווען וועג בעשטראָפט צו בעצאָהלען 25 זל.

ווען איינער פון די בעשטראָפטע מאַגאַזינערס, ה' ל. האט געגען דער שטראָף-אויסמעסטונג אָפּעלירט האט די סטאַראָסטווא זיינע טענות נישט גענומען אין אָכט און איהם נאָך געהעכערט די שטראָף אויף 100 זלאָטעס. ל. האט זיך נישט געפוילט און די ז'עציזיע פון דער סטאראסטווא איינגעקלאָגט אין געריכט. די פערהאַנדלונג איז פאָרגעקומען פערגאַנגענעם דינסטאָג, זי האט זיך אבער געענדיגט דערמיט, אַז דאס געריכט האט בעשטעטיגט דעם פריהערדיגען פסק-דין און דעם ה' ל. פער'משפט אויף 100 זל. געלד-שטראָף.

דער דאָזיגער אורטייל בעווייזט, אַז די מאַכט איז ענטשלאָסען מיט דער גאַנצער שטרענגהייט אָבצוהיטען די פערפליכטענדע האַנדווערקער-געזעצען און צו בעקעמפען די אונלעגאַלע האַנדווערקער-וואַרשטאַטען.

די מאַגאַזינערס סיי פון דער בעקליידונגס, סיי פון דער שיך-בראַנזשע אדער אנדערע, דאַרפען דעריבער זיין געוואָרענט נישט אַרויסצוגעבען קיין אַרבייט צו בעלי-מלאכות, וואס בעזיצען נישט קיין האַנדווערקער-קאַרטעס, ווייל אין געגענפאַל זענען זיי אונטערגעוואָרפען פערשידענע שטראָפען.

פערהאַלטען אַ געפעהרליכען גנב, וואָס האָט זיך ספּעציעל אָנגעזעצט אויף לעהרערס.

דער היגער אויספאָ-ר'ונגס-אַמט האט נאָך לאַנגע אָבסערוואַציעס פערהאַלטען דעם 27-יעהריגען אַרבייטער וולאַדיסלאַוו בעדנאַרטשיק, אָהן בעשטימט וואוינאָרט, וועלכער איז אין דער נאַכט פון 23 ליפּיעץ ה. י., אלס אַרעסטאַנט, ענטלאָפען פון היגען שפּיטאָל אין דער צווייטער אַלעע.

בעת דער אויספאָרשונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז בעדנאַרטשיק האט אויסגעפיהרט א רויב-אָנפאַל אין וואַלד היגטער קאָנסטאַנטינאָוו (לעלאָווער גמינע), וואו ער האט צוגערויבט ביים פּרזשיראַוואַער איינוואוינער עמנואל פעפער 77 זל. ווען א פערבייגעהענדער וואַלד-שומר האט גענומען נאכיאָגען דעם גנב, האט דער לעצטער אַוועקגעוואָרפען זיין מאַנטעל צוזאמען מיט'ן געלד. דאס איז פאָרגעקומען דעם 19 אָקטאָבער.

חוץ דעם איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך דער אויספאָרשונג, אז בעדנאָרטשיק האט אויסגעפיהרט פאָלגענדע גנבות: 1) אין דער נאָכט אויפ'ן 30-טען טשערוויעץ ביי דער לעהרערין אין דאָרף לובאָרקא, סעראַפּינא פלאָרטשיק. 2) דעם 6-טען מאַי ביי דעם לעהרער מאריאן קאָזיעל פון דאָרף ראַדאָשעוויצע. 3) דעם 26-טען מאַי ביים לעהרער סטאניסלאוו דאמבראָווסקי אין דאָרף באַלעסלאָבוב, וועלכען ער האט דאן נאכאמאל בעגנב'עט דעם 5 טשערוויעץ. 4) דעם 12 ליפּיעץ ביים לעהרער סטאניסלאוו פאַרוועל אין דאָרף שיעראָקיב. 5) אין דער שול-קאַנצעלאַריע אין דאָרף ברזשעזשיני וויעלקיע, וואו ער האט צוגעגנב'עט צוויי ראָווערען צום שאָדען פון שול-לייטער פראַנטשישעק באַלזאַם.

די אַלע גנבות האט בעדנאַרטשיק אויסגעפיהרט צוזאָמען מיט זיין חבר יוזעף באָגוס.ביידע האבען זיך מודה געווען צו דער שולד און זענען איבערגעשיקט געוואָרען צו דער דיספּאָזיציע פון דער געריכטס-מאכט. ביי בעדנאָרטשיק'ן אין קויש האט מען געפונען פערשידענע זאַכען, וואס זענען אומגעקהערט געוואָרען די געליטענע.

פערהאַלטען אויספיהרער פון אַ גנבה אין רענדזשין.

דעם 3-טען שרפּיען ה. י. איז אין רענדזשין אויסגעפיהרט געוואָרען א גנבה ביי א געוויסען וואַלענטי מילער, וועלכען מ'האט צוגעגנב'עט געלד, וועקסלען און פערשידענע זאַכען אויף א סומע פון 2910 זל.

די אויספאָרשונג האט פעסטגעשטעלט, אַז די גנבה האבען אויסגעפיהרט די ברידער וויקטאָר און וולאַדיסלאוו כוואַסטקי פון טשענסטאָכאָוו (פּיאַסטאָווסקאַ 194), ביי וועלכע מען האט געפונען און אָבגענומען אין דער וואוינונג א צוגעגנב'עט זייגערל און פערשידענע זאָכען, וועלכע זיי האָבען געקויפט פאַר'ן געגנב'עטען געלד.

די גנבים זענען איינגעזעצט געוואָרען אין דער זאַוואַדזיער תפיסה.

געגעסען אינדיטשקע, פערטרינקען מיט בראָנפען און נישט געוואָלט בעצאָהלען.

אין רעסטאָראַן פון לעאָן גאַנטקעוויטש (נאַרוטאָוויטשא 192) איז אַריינגעקומען א געוויסער יאַן סערוואַ, וועלכער האט אויסגעטרונקען 6 גלעזלעך בראָנפען, פערביסען מיט צוויי פערטלען אינדיק און נאך אלעם נישט געוואָלט בעצאָהלען. דער רעסטאַראַטאָר שאַצט זיין שאָדען אויף 6 זל.

מ'האָט איהר נישט געליפערט דעם בעשטעלטען פאָרטרעט.

מאריא כוראַק, פאָשאַ 49, האט געמאלדען דער פּאָליציי, אַז מיט צוויי וואָכען צוריק איז צו איהר געקומען א געוויסער לעווקאָוויטש (אַלעע 16), אַנ'אַגענט פון דער פירמע „מעדאַל" אין קעלץ, ביי וועלכען זי האט בעשטעלט א פאָרטרעט און איינגעצאָהלט א קאַנטאַ 6 זל. אין בעשטימטען טערמין האט זי אבער דעם פאָרטרעט נישט בעקומען און אויף אַלע בריעף, וועלכע זי האט געשריבען צו דער פירמע וועגען דעם ענין, האט זי נישט ערהאַלטען קיין ענטפער.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.
אין דער גוט-בעקאַנטער
דרוקעריי פון
ב. באָטשאַן
אַלעע 6 1
טעלעפ. 22-01
ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלעראַרט דרוק-אַרבייט,
— ווי: —
בריעף - בויגען
קאָפּערטען
פּאָסט-קאַרטען
חתונה-קאַרטען
בראָשורען
קוויטאַריושען
אַפישען
- פלוג - צעטלען
קלעפּסידרעס
א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.
בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

אַ וואוילער פרעזעס.

אויף דער לעצטער אַלגעמיינער מיטגלידער-פערזאַמלונג פון דער באַנק-קופּיעצקי אין שעראַדז, האט דער פרעזעס ד"ר עליאשבערג, וועלכער האט געהאט ליגען אין באַנק אַ סומע פון 16.700 זל. געמאָלדען, אַז ער שענקט אַוועק דאס גאַנצע געלד דער באַנק.

מיט גרויס בעגייסטערונג איז די דאָזיגע מעלדונג אויפגענומען געוואָרען דורך די פערזאַמעלטע, וועלכע האָבען איהם, אלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט, געוועהלט אַלס לעבענסלענגליכען עהרען-פרעזעס פון דער באַנק, ווי אויך די באַנק בעשלאָסען אַנצורופען אויפ'ן נאָמען פון שפענדער.

דער אויבענדערמאַנטער זשעסט פון אַ פרעזעס דאַרף דיענען אלס ביישפּיעל פאַר אַנדערע פרעזעסען...

אַ פּאָסט - קיעראָווניק צוגענומען 2000 זל.

דער פּאָסט קיעראָווניק אין אָשיאַקאָוו, באָלעסלאָוו ראַיעווסקי, האט צוגענומען פון דער פּאָסט קאַסע 2.000 זל. און איז נעלם געוואָרען.

פּאָליציי האט גלייך פערפיהרט אַנ'ענערגישע אויספאָרשונג און דעם דעפּרווידאַנט ענדליך אַרעסטירט אין לאָדז, אין א שיכור'ן צושטאנד, ביים בעגעהן זעלבסטמאָרד.

פון ספּאָרט

פון דער באָקסער-סעקציע „מכבי".

די באָקסער פון „מכבי" גרייטען זיך יעצט צו צו דעם נאָהנטסטען באָקסמעטש, וועלכער וועט פאָרקומען שבת, דעם 17 ד. ח. מיט ב.ק.ס. פון בויטען. אין די טרעניגגען נעמען-אַנטייל העכער 40 באָקסער, פון וועלכע דער לייטער פון דער סעקציע וועט אַרויסשטעלען א רעפּרעזענטאַנץ-מאַנשאַפט.

דעם 5-טען ד. ח. זענען די „מכבי"-באָקסער בינדער און זילבערבערג אָבגעפאָהרען קיין קאַטאוויץ אויף צוויי וואָכען, וואו זיי נעמען אַנטייל אין באָקסער-לאַגער, וועלכער איז אָרגאַניזירט דורך דעם שלעזישען באָקסער-קרייז-פערבאַנד. מיט דעם קורס פיהרט-אָן דער בעקאַנטער טרענירער ה' ווענדע פון קאַטאוויץ.

ב. ק. ס. (בויטען) — „מכבי".

שבת, דעם 17 ד. ח. וועלען פאָרקומען אין זאַל פון „מכבי", קאַטעדראַלנע 13, זעהר אינטערעסאַנטע באָקס-קאַמפען צווישען ב.ק.ס. פון בויטען און „מכבי". די קאַמפען זעהען זיך פאַר זעהר אינטערעסאַנט צוליב דעם, וואס ב. ק. ס. איז איינער פון די בעסטע באָקס-קלובען אין שלעזיען.

סקי-סעקציע פון „מכבי" האָט אָנגעהויבען איהר טעטיגקייט.

דאנערשטאג, דעם 8-טען ד. ח. איז פארגעקומען דער ערשטער טרענינג פון דער סקי-סעקציע ביים „מכבי". מיט דעם טרענינג האט אָנגעפיהרט דער אינסטרוקטאָר-ספּעציאַליסט ה' קיעלאַר. ווי גרויס די פעראינטערעסירונג מיט דער סעקציע איז, קאן דיענען דער פאַקט, וואס באַלד אין ערשטען טרענינג האט אנטייל גענומען א גרויסע צאָהל מיטגלידער פון דער סעקציע.

מכבי-2 דאַמען-נעץ-באַל-מאַנשאַפט מייסטער פון טשענסטאָכאָה.

די צווייטע מאַנשאַפט פון דער דאַמען-נעץ-באַל - סעקציע פון „מכבי" האט אין די מייסטערשאַפט פון קלאַס „בע" אין טשענסטאכאווער קרייז פערנומען דאס ערשטע אָרט פאר בריגאַדע. די ערשטע מאַנשאַפט איז אין דער קלאַס „א" פון קראקאווער קרייז.

אָנגעהויבען זיך די טרעניגגען אין „מכבי".

פערגאַנגענעם דאנערשטאג האבען זיך אָנגעהויבען נאַרמאַלע טרעניגגען פון אַלע גימנאַסטישע און ספּאָרט-גרופּען אין „מכבי". מיט די טרעניגגען פיהרט-אָן דער אינסטרוקטאָר-ספּעציאַליסט ה' קיעלאַר. איינשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס אין סעקרעטאַריאַט, קאַטעדראַלנא 13, יעדען טאָג פון 8 ביז 10 אָוועגד.

Kino „EDEN"
פון שבת אָן און ווייטער
גרויסער עפּאָס פון ליעבע און פליכט.
פילם אין נייער בעאַרבייטונג לכבוד דער 20-טער יאָהרצייט פון אַרויסמאַרש פון דער 1-ער בריגאַדע
SZALEŃCY
אין פילם בעטייליגען זיך פיעל פּולקען פּיעכאָטע, אולאַנען, אַרטילעריע, טאַנקען א. א.
שבת און זונטאג צו 50 גר. מיטאָג-פאָרשטעלונגען פון פילם
Jej Wysokość całuje

Kino „LUNA"
שוין די נאָהנטסטע טעג — פּרעמיערע
Królowa Krystyna
מיט גרעטאַ גאַרבאָ און דזשאָן גילבערט.

„ATLANTIC"
אַגראַדאָווא 14.
גרויסע מעכטיגע דראַמע
A. L. 14 ZATONĘŁA
(Stalowa trumna)
אין די הויפּט-ראָלען:
ראָבערט מאָנטגאָמערי
און מאַדזש איוואַנס.
אלס צווייטער פּראָגראַם מעכטיגע קאָמעדיע
Fatalna taksówka
חוץ דעם א פּאַרסע און פּאַט-כראָניק.